## „די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון
**מארריס מייער**

די איינציגע טעגליכע
אידישע צייטונג אין
אייראפא.



## אילוסטרירטער
## טעאטער שפיגל

חודש־זשורנאל, ארויסגעגעבן פון
„פאלקס־הויז" (בית־עם) און פון
ניי־אידיש־טעאטער אין לאנדאן.
אין יעדן נומער דערשיינען
אקטועלע ארטיקלען און ידיעות,
וואס זענען נוגע דעם יידישן
טעאטער אין לאנדאן און אנדערע
לענדער.

פרייז פון 1 נומער : **1 שילינג**
אדרעס :—

"THEATRE MIRROR"
Adler Street, London, E.1
England.
Telephone : — BIS 1320.



## נ י י - א י ד י ש   ט ע א ט ע ר
**פאלקס הויז** (בית עם לטד.) **אדלער סט., א.1**

דירעקטאריום : וו. קאסאף, ת. רייפעלואן, מרס. שאפירא.
טשערמאן : **מ. ביטלער.** אנפירונג : **א. מייזעלס.** האנ. סעק.: **א. ביטלער.**

פירט אויף דאס בארימטע טעאטער שטיק
## „קעניג פון לאמפעדוסע"
פון **ש. י. ארענדארף**

באטייליגטע לויט דער פיעסע :
יאזעף־שערמאן, הערמאן טוניס, דוד סעגאל, אלבערט פאקס, מאקס בוים
לעאן בלומענזאן, יודל נאלדבערג, יוסף נעוואלסקי, מאיר צעלניקער,
מאריס אקסעלראד, לעוו הויזער, אנא צעלניקער, מעטא סעגאל, רות
לעווענשטיין, א.א.
מוזיק דירעקטאר : פהיל בערנשטיין. בינע מענערזשער : זשאק טשעפל

**יעדן אונט פארשטעלונג** (פרייטאג געשלאסן)
**שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג**
**אוונט 7.**



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*


82

# לשון און לעבן

**חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.**


זיבעטער יארגאנג　　דעצעמבער 1946 לאנדאן　　**נומער 12** (העפט 83)


רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :


נס און נצחיות — לכבוד חנוכה ה' תש"ז — ** . . . . 1
מיין נאמען איז חיים (מאנאלאג) — מ ש ה  פ ר א נ ע ר . . 5
צינד איך אן א יארצייט ליכט (ליד) — א ב ר ה ם  ב ו י מ ע ר ד ע ר 9
מתתיהו שטעכט דעם חזיר־יידל — הרב  ד ו ב  ו ו א ר ש א ו ו ס ק י 10
איך שיק אצינד א ליכט אראפ (געדיכט) — נ א ט א ן  מ א ר ק . 16
אורליוב אין סינדריק (דערציילט לכבוד חנוכה) — י ו ס ף  פ ר ע נ ק ל 17
אין שפיטאל (געדיכט) — א. ו ו א ט ע ר מ א ן . . . . . 25
אויף א בית־עולם (סקיצע) — ז י י נ ו ו ל  ד י א מ א נ ט . . 26
אויפן גרויסן בויך פון דער ערד, איז דא אזא ארט
(לידער) — ד ו ד  ז י י ד ע נ פ ע ל ד . . . . . 29
מיין פאספארט, קאמאשן און טאשן (לידער) — מ ש ה  ע ו ב ר . 31
אלעמענס שלום עליכם (א פאר שטריכן) — ל ע א  ק ע נ י ג . 34
נעפל... אין הייליקן שיין א הייליקער קרייז
(לידער חנוכה־באלאדע) — א. נ. ש ט ע נ צ ל . . 37
דער מיליאנער (דערציילונג) — ה ע ר ש ל  פ א ל י א נ ק ע ר . 40
ברויט און הייזן (פעליעטאן) — נ ח ו ם  ש ט ע נ צ ע ל . . 45
מיין פאטערס טויט — פ י י ג ע ל ע  א י נ פ ע ל ד . . . 47
יובילעאום'ס („לשון און לעבן", „אויפבוי", יעקב גלאטשטיין) — ש.
י. נ. שטיינבערגס בוך „געלעבט און געחלומט אין אויסטראליע"
(רעצענזיע) — ו. פ א ר א ל ס ק י . . . . . 55
ניין, נישט פענאזוס (אן ענטפער אויף אן ענטפער)
— א ל י ה ו  פ א ל ו ש א ק . . . . . . 57
משה עובר אין בריסל (באריכט) — א ב ר ה ם  ב ו י מ ע ר ד ע ר . 60
ייווא־טעטיקייט אין לאנדאן, פראטעסט פון שרייבער, נאטיץ — ** 63
קולטור ידיעות פון דא — ** . . . . . . . 63
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאקס — ** . 64



**פרייז 1 שילינג**

אבאנענטס־פרייז :—13/6 פאר א יאר ;
אין אויסלאנד :—3 דאלאר א יאר
1/3 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 131-129 קאוועל סטריט, לאנדאן א.1.

## צום יובילעאום פון יידישן טעאטער

### אן אויפרוף!

דעם חול־המועד סוכות, איז געווארן 70 יאר, ווי דער פאלקס־דיכטער, אברהם גאלדפאדן האט געשאפן דאס יידישע טעאטער אין יאסי, רומעניען. גאלדפאדן איז געווען דער, וואס האט געבילדעט די ערשטע טרופע פון יידישע ארטיסטן. ביז אים איז קיין יידיש טעאטער אין פולן זין פוןווארט, נישט געווען, און מיט רעכט ווערט גאלדפאדן באצייכנט אלס דער גרינדער און פאטער פון דער יידישער בינע.

די פיעסן האט א. גאלדפאדן אליין געשאפן. די צאל איז גענוג גרויס. צווישן זיי צייכענען זיך אויס און זיינען בארימט „בר־כוכבא“, „שולמית“ און „דר. אלמאסארא“, אלע מיט היסטארישע סיוזשעטן. עס איז נישט מיין כונה צו געבן אן אפשאצונג איבער דעם ליטעראריש[ן] ווערט פון די פיעסן. איין זאך קען געזאגט ווערן מיט פולן ערנסט, אז דער פארדינסט פון גאלדפאדן לגבי דעם יידישן טעאטער איז זייער גרויס. ער איז געווען דער וואס האט פארזייט די זאמען, פון וועלכע דאס יידישע טעאטער, האט זיך פאר די לעצטע זיבציק יאר אזוי שיין צעבליט און אנטוויקלט. אברהם גאלדפאדן איז אויף דעם געביט א קולטור היסטארישע פיגור, וועלכע האט איבערגעלאזט א גרויסע גייסטיקע עשירות פארן גאנצן פאלק.

דאנערשטאג דעם 5־טן דעצעמבער, 7.30 פייערט דער פאראיין „פריינט פון יידיש לשון“ צוזאמען מיטן „נײ יידיש טעאטער“ אין אדלער סטריט, דעם 70־סטן יובילעאום פונם גרינדער פון יידישן טעאטער, א. גאלדפאדן. עס ווערט פאר דעם צוועק ספּעציעל אויפגעפירט די פיעסע „שולמית“. מיר ווענדן זיך צו אלע קולטור אינסטיטוציעס, געזעלשאפטלעכע פאראיינען און כלל, צו די לעזער פון „לשון און לעבן“, צו נעמען אין אכט דעם דאטום **דאנערשטיק, 5־טן דעצעמבער.** — און זיך אנשליסן אין דער פייערונג, זאל דאס יידישע לאנדאן ווייזן אז עס ווייס ווי געהעריק אפצושאצן יידיש טעאטער, וואס באלעבט און פארשענערט דאס יידישע לעבן. אויך אפּגעבן כבוד דעם גרינדער און פאטער פון דער יידישער בינע אברהם גאלדפאדן.

פארן פראפאגאנדע קאמיטעט,

**י. ביעטש**

## וויכטיק פרן חודש דעצעמבער

דער חודש דעצעמבער איז פראקלאמירט געווארן אלס פראפאגאנדע־חודש פאר „פריינט פון יידיש לשון“. אלע פריינט פון יידישן ווארט און יידישער ליטעראטור ווערן אויפגעפאדערט צו ווערן מיטגלידער פון אונזער ארגאניזאציע.

מיט אנפראגן זיך צו ווענדן צום סעקרעטאר.

E. Paluszak, 64, Lauriston Rd., E.9.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

זיבנטער יארגאנג — דעצעמבער 1946 לאנדאן — **נומער 12** (העפט 83)

## נס און נצחיות — לכבוד חנוכה ה׳ תש״ז

I

מיר, וואס גלייבן אינם נצחיות פון אונזער אומה, וואס באוואונדערן דעם שאפונג־אויסדויער אונזערן, מיר גלייבן אין נס. און פונקט אזוי ווי אין אונ־זער אמונה אינם וואונדער, איז שוין נישט דווקא נויטיק דער אבסאלוט בלינדער גלויבן, ווייל אונזער לעבן אליין איז שוין דאס וואונדער, דער אליין איבערגעלעבטער נס, פונקט אזוי די וויכטיקייט און אונזער יידישע נצחיות.

טויזנטער יארן האבן מיר מיטגעמאכט דעם געשטרויכלטן וועג פון דער „מענטשלעכער“ אנטוויקלונג, — פון דער קין־האק ביז צו דער אטאם־באמבע! און אלע מיטלען און טריקס, די כיטרעדיקסטע און די אכזריותדיקסטע, פון די יונגערע אויפגעשטאנענע פעלקער, — פון די יונים ביז צו די גערמאנער! — האבן אונז נישט געקאנט „אויסשאלטן“ און צוריקהאלטן אין אונזער איג־ענסיוועך מיטארבעט.

און יעצט, אין אונזער עפאכע אצינד, הענגט עס שוין נישט איבער אונ־זערע קעפּ אליין בלויז, און א סיני בערגל און א ווייסטענייש — אונז צוצעדיקן אייב מיר וועלן נישט מקבל זיין דאס געזעץ פאר דעם מענטש — — איבער קאנטינענטן און וועלט־טיילן, איבער יעטווידן פאלק און אלע מענטשן, הענגט שוין יעטוועדער אטאם אראפּצופאלן און אויפצוברעכן, מיט פארלענדונג און פארוויסטונג, אויב אלע מענטשן וועלן עס נישט מקבל זיין און מקיים זיין.

ווי גרוילער שרעקלעך דער יידישער מצב זאל איצט נישט זיין, אבער ווי דעמלט פאר 4 טויזנט יאר, ווי דעמלט פאר 2 טויזנט יאר, שטייען מיר נאך אליין ביים ראד פונם גלגל הארץ און מיר דרייען עס — פון די שטארקסטע און יונגסטע פעלקער פון דער וועלט שטייען מיר נישט אפּ אין אונזער אינטענסיווקייט. (מאלע וואס קליינקעפּלדיקע ווילן זיך איינרעדן, אז מיר זיינען דאס אייל פאר די רעדער..) און די גרעסטע פעלקער יעצט, די שטארקסטע און די יונגסטע קאנען נאך גארנישט באווייזן, אז זיי וועלן דאס זיין די יעניקע, וועלכע וועלן דאס ארויס די לעבעדיקע פון א נייער קומענ־דיקע קאטאסטראפע.

מיר לכל הפחות האבן יא שטיקלעך באוויזן! נישט נאר דעם „עקזאקטן“ „טעכניש־וויסנשאפטלעכן“ באווייז, פון די טויזנטער יארן, אויס־געהאלטענע און איבערגעקומענע: פון די צענדליקער יונגערע און מעכטי־קערע „אויסגעשאלטענע“ אין אייסנטיליקטע פעלקער אין משך פון אונזער

געשיכטע — נאר מאקע די ענטשלאסנקייט אונזערע רעמלט, די קאלאסאלע גבורה רעמלט אונזערע מקבל צו זיין אויף זיך דעם נצחיות עול, דעם אומ־שטערבלעכן גלויבן, דעם שאפונג־אויסדויער, דעם אחריותדיקן אנשטרענג פון „יהרג ואל יעבור" — פון מסירת נפש, פון קידוש השם!

און די ענטוויקלונג פון אונזער נסיון ווי געוואלטיק איבערמענטשלעך און ווי מסירת־נפשדיק און איבער אלע דימענזיעס — — פון א יצחק עקדה, פון עשרה הרוגי מלכות, פון שייטערהויפנס און אויטא־דאפעען צו א „מעכ־ניש וויסנשאפטלעכן", „ליקווידירונג". בנערינו ובזקנינו, מיט קינד און קייט אין גאז אוווונס און אין קרעמאטאריומס.

און א יב מיר זיינען נאך אלץ למשל ולשנינה צווישן די שטארקערע און יינגערע פעלקער, זיינען מיר אבער נאך אלץ דער פארגלייך — דער משל פארן קומנדיקן נמשל! נישט איינמאל און נישט אין איין לאנד, וואו מיר זיינען געווארן דאס קאמיישע משל־מעשה'לע פאר זיי, איז באלד דערויף געקומען זייער טראגישער סוף; מיט אונזער פארטריבן ווערן פון א מדינה, מיט אונזער נע ונד זיין פון א וועלט־טייל, איז אויך, — עפעס ווי א כסדרדיקער און רעגלמעסיקער צופאל! — די אינטענסיווע קראפט פון דער ענטוויקלונג מיט אונז מיט־פארטריבן געווארן. און נאר דארטן אהין וואוהין מיר זיינען אנגעקומען.

ווארים דאס איז דער סוד פון אונזער נצחיות — אט די אינטענסיוויקייט! דאס מיטשטיין ביים ראד פון דער מענטשלעכער ענטוויקלונג, דאס נישט וועלן אפשטיין; דאס בסדר וועלן, רק אינטענסיוו זיין, דאס איז נישט נאר די פארמונג פאר אונזער עקזיסטענץ, נאר די שאפונג פון אונזער פאטענץ. דער פראצעס גופא, דער ארבעטס כוח פון שאפן די ליכטיקייט ווערט אקו־מילירט צו ליכט און צו קראפט; דער „ראזמאך" פון צעשטערט־ווערן, צומאל, קאן מיט אקומילירט ווערן צו ליכטיקייט און אויסדויער.

יא, אין אונזער מעמקימדיקער עפאכע האבן מיר ווידער דערגרייכט דעם קלימאקס פון וועלט־שאפונג, פון מיט־באטייליקט זיין אין מעשה בראשית: ווי אינטענסיוו איז דער אויפנייענדיקער יידישער ישוב אין ארץ ישראל, און ווי געוואלטיק מיטבאטייליקט איז אונזער פאלק, אין ריזיקן אויפבוי פון די סאוועטישע פעלקער; און ערשט אונזערע 6 מיליאנען ברידער אין דעם נייעם וועלט־טייל אמעריקע. זאלן זיך די יינגסטע און די מעכטיקסטע פעל־קער פרואוון צו פערגלייכן, אפילו אצינד, אינם בלוטיקסטן און אינם שרעק־לעכן מאמענט פון אונזער געשיכטע, — מיט דער קראפט פון אונזער אקטיווי־קייט און אינטענסיוויקייט.

שטייען מיר יעצט מיט אלע פעלקער פון דער ערד—נישט מיר אליין מער א הייפעלע אין א וויסטעניש. — שטייען מיר אצינד אלע צוזאם אונטערן אפענעם הימל פון דער נארער וועלט, מקבל צו זיין און מקיים צו זיין דאס לעבעדיקע געזעץ, — אז דאס שאפן פונם מענטש זאל זיין פארן נוצן פון מענטש, פאר לעבן פונם מענטש. „וחי בהם"! ארער לעבעדיק באגראבן צו



ווערן מיט אלע אינאיינעם — — אין דער כוח אליין איז שוין, וואונדערלעך דערלעבטער נס און גלויביקע נצחיות; איז דאס אליין איז שוין, נישט נאר בלויז א זיך פארמענדיקע עקזיסטענץ, נאר א זיך שאפנדיקע פאטענץ פאר אייביקן שעפערישן אויסדויער.

II

„והיה בית יעקב ללהבה ובית עשו לקש"
(דעם פסוק ציטירט פון דער סוגיא פון „כפתה")

פארלאשן שוין איז דער דיאגנעם לאמטערן,
און קיין איינציקן מענטשן נישט געפונען — —
אונזער פלעמל מיט אונזערע לייבער באשיצט,
אין וויבער ווינטן, אין שטורעם טייפונען;

און דורך מבול פון בלוט אונזער פארגאסענעם
א רעגנבויגן פון מיליאנען זונען.

אז פון שייטער־אויוונס, קרעמאטאריום פלאמען
ארויסגעקומען לעבעדיק מיר זענען,
איז א וואונדער אז מיט הענט, אונזערע הוילע,
צאנקענדיק פלעמל באשיצן מיר קענען?

א. אז לעצטער פונקן אונטער איש באהאלטן,
מוזן מיליאנען זיך לאזן פארברענען.

יא, אז אין אזא פינסטער פארלאשענער וועלט,
אין חושכדיקסטער רציחה פארזונקען,
אקער־אייזנס פון כליזין וועלן שמידן,
פאר ערד מיט בלוט אזויפיל אנגעטרונקען,

אין וואסער פלאקער אויפנעבלאזן מוז ווערן,
אונטערן איש דער באהאלטענער פונקען.

אויסגעצאנקט שוין איז דער דיאגענעם לאמטערן —
מיט לעצטן צוק קרעמאטאריומס אנגעצונדן!
אונזער באהאלטענעם פונקן אויפצובלאזן,
וויבער און טייפון אין בלאז־זאק געבונדן — —

איין פונקן־שפריץ דערפון נאר ארויסגעשפרונגען,
און דאס גאנצע שלעכטס פון דער וועלט פארשוואונדן.

(„חנוכה־געלד“ פאר מיין ברודערס אייניקלעך אין ארץ ישראל)

דעם טאטנס מנורה איז נישט מער פערהאנען,
נישט ס'ביישטידל וואו ס'איז חנוכה געהאנגען;
זילבער־געהעמער הענגט תמיד איבער מיין קאפ,
דערמאנענדיק יעלע ליכטיקע געזאנגען.

ארויף און אראפ איז דער טאטע געגאנגען,
ווערטער האלב געזונגען, האלב געברומען;
אזא דערהויבנקייט אין די ברייטע שפאנען,
א זיגער פון א שלאכט ער וואלט אנגעקומען —

פוןביידע אויגן ארויסעט, ווי באנומען,
ווי לבנה'שע שפיצן פונקט פון א מולד,
בליצט בלוטיק יענער מעסער־שפיץ, מתתיהו'ס,
מיט וועלכן ער האט דעם מנוול געקוילעט.

ארויף און אראפ, אזוי לעבנדיק בולט,
אז מיין הארץ איצט טריט נאך טריט נאך זיינע שפאנען — —
א, מיין מאמע און מיינע שוועסטערן ביידע,
ז'וואלטן ברענענדיק פאר אויגן מיר געשטאנען!

דעם טאטנס מנורה איז נישט מער פאראנען,
צומאל נישט געבליבן פון שטוב קיין ביישטידל;
דאס זילבער־געהעמער וואס הענגט איבער מיין קאפ,
נישט מיט געזאנגען — פול נקמה־געזידל!

א, צי קאן מען דען אויסזינגען אין א לידל,
א שוועסטער אין פייער־פלאמען אויפגעגאנגען?
איבער טויער פון וועלט, איבערן ביישטידל,
אונזערע אנגעצונדענע שטוב אויפגעהאנגען.

ארויף און אראפ, ווי טאטע איז געגאנגען,
מיין ברודערס אייניקלעך מיט אייגן צעבליצטע,
נישט מיט מולד אויף הימל — אין זייערע הענט,
דאס מתתיהו מעסער, דאס שארף צעבליצטע.



משה פראגער (תל־אביב)

## „מיין נאמען איז חיים“
(מאנאלאג)

ברויך איך זאגן ווער איך בין? ווי איז עס בכלל מעגלעך אז איר האט מיך נישט דערקענט? וואס הייסט, מ'דערקענט מיך דאך מיטן ערשטן בליק! די יעגער אויף יעדן שטעג, די פארפאלגער אויף יעדן וועג, די שומרים אויף יעדער גרעניץ — זיי אלע. וואס פאר א אוניפארם זיי זאלן נישט טראגן, ברוין אדער שווארץ, גרוי אדער געל, פילקאלירדיק אדער אן שום פארב, מיט אלע זייערע אויסלענדישע אפצייכנס אויף די ארבל אדער שולטער: צלמים אדער שטערן, לייבן און אדלער... זיי אלע דערקענען מיך — סיי אין זומער סיי אין ווינטער, אין רעגן און אין שניי, ביי בעגינען אדער בין־השמשות. זיי האבן מיך דערשמעקט פון דערווייטנס. און איז עס מעגלעך בכלל אז איר זאלט נאך פרעגן? יא, איך בין א יידיש קינד. א יידיש קינד וואס קלעטערט איבער יעדער מויער און יעדן פלויט, א יידיש קינד וואס לאכט זיך אויס פון אלע זיינע יעגער און פארפאלגער. א יידיש קינד וואס האט שוין אפילו נישט קיין מורא פאר מלאך־המות גופא. איך בין א יידיש קינד.

פון וואנעט קום איך? וואו אהין אנטלויף איך. ווי אזוי בין איך אנט־לאפן? פארוואס אט די אלע פראגן? אפשר איר ווילט מיך נעמען אויף א קרייץ־פארהער? נו גוט. וועל איך אייך דערציילן דעם סוד. איך קום פונם טויטנגרוב. איך בין ארויסגעקראכן פונם אפענעם קבר. דארטן אינם קבר, צווישן די געהרגעטע בין איך אויפגעשטאנען תחית המתים: און אזוי לעב איך היינט.

וואס עס איז געשען פארדעם איז ארויס פון מיין זכרון, און אויב אפילו כ'זאל געדענקען וועל איך אייך אויך נישט דערציילן. איך וועל אייך נישט דערציילן וועגן מיין קליינער שוועסטער, וועגן מיינע צוויי עלטערע ברידער, וועגן דער קלענסטער וואס איז געווען אזוי שיין ווי די זון, און וועגן מיין מוטער, וועמען זיי האבן אוועקגעשלעפט צוזאמען מיט אלע קינדער, אחוץ מיך... איך ווייס פון גארנישט!

איך בין געבוירן געווארן פונדאסניי אין אט דעם קבר, איך אויך בין שוין געווען א בר־מינן. איך בין געלעגן אינם אפענעם קבר צוזאמען מיט אלע יידן, מיט די קינדער. אוי! אזויפיל קינדער. איך האב אויך געשריגן „שמע ישראל“ מיט מיין גאנצן כח. דערנאך בין איך געשטארבן. שטיל בין איך געשטארבן און אויפגעהערט שרייען. אבער דער טאטע האט מיך די גאנצע צייט געהאלטן אין זיינע ארעמס — אויפן וועג צום וואלד, און אויך ווען ער איז געשפרונגען אין גרוב אריין, ווען מיר זענען ארויפגעפאלן אויף די קערפערס און איך בין שוין געהאט געשטארבן, ער האט מיך נאך אלץ געהאלטן און מיך פעסט צוגעדריקט צו זיך... און זיין דרוק האט מיר אזוי ווי געטון. דעמלט האב איך פארגעסן אז איך בין שוין טויט און האב אנ־

געהויבן צו שרייען. אַלץ אַרום איז געווען שאַ־שטיל, די מענטשן אינם גרוב זענען געווען מויט־שטיל, און איך האָב גענומען שרייען „טאַטע"! און דער טאַטע האָט געהאַלטן מיין האַנט און דאָס האָט אַזוי שטאַרק ווי געטון. איך האָב מיט אַלע כחות געפּרוּווט פריי מאַכן מיין האַנט, אָבער ער האָט זי אַזוי פעסט געהאַלטן. איך האָב געשריגן אָבער דער טאַטע האָט גאָרנישט געענטפערט; ער איז שוין געווען טויט. מיט מיין גאַנצן כח האָב איך אים גערופן, אָבער איך האָב אים נישט געקענט אויפוועקן. ער האָט נישט געשריגן, אָבער ער האָט געקרעכצט: וואָס איז דיר, מיין קינד. און איך האָב געפרעגט: „טאַטישע, בין איך געשטאָרבן אָדער לעב איך נאָך"? און ער האָט מיר שטיל געענטפערט: אָ, אָ, דו לעבסט, מיין קינד. פאַרוואָס וויינסטו, טוט דיר עפּעס ווי"?

דאַן האָב איך אַפּוירגעצויגן מיין האַנט פונם טאַטנס אָרעם און האָב געזאָגט: „ניין, טאַטעשי, ס'טוט מיר גאָרנישט ווי" און דער טאַטע האָט שטיל געשעפּטשעט: זיי שטיל מיין קינד. אַלע יידן זענען שוין געשטאָרבן, און איך שטאַרב מיט זיי!" אָבער איך האָב געשריגן: „טאַטעשי, איך בין נישט געשטאָרבן, איך לעב"! און דער טאַטע האָט געמורמלט: לייג דיך אַ נידער, קינד, באַלד וועט דער גרוב זיין פאַרדעקט מיט ערד און מיר וועלן לעבן צווישן אונזערע". אָבער איך האָב געשריגן: „אָבער איך לעב, און איך וויל לעבן! קום, לאָמיר אַנטלויפן פונם דאָזיקן אָרט!" אָבער, ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם גרוב פון די טויטע ס'איז אים געווען אַזוי שווער אַוועק פון דאָרט. בלוט האָט זיך פון אים געגאָסן, און דאָס בלוט האָט מיך צו אים פאַרגליווערט. איך האָב שוין נישט געוואָלט מער דאָרט ליגן, און דער טאַטע האָט צו מיר געזאָגט: „כאַפּ דיך אַרויס פונם גרוב, מיין קינד. איך שטאַרב, אָבער דו לעבסט און האָסט דעם רצון צו לעבן. זאָלסט וויסן זיין אַז פון אָט דעם דאָזיקן קבר וועסטו אויפסניי געבוירן, און פון היינט אָן וועט דיין נאָמען זיין — חיים. לויף געשווינד, חיים, מיין קינד און דו זאָלסט לעבן!"

וואָס נאָך קענט איר מיך פרעגן? כ'האָב שוין אַלצדינג דערציילט. כ'בין אַנטלאָפן פונם אָפענעם קבר צום שכנותדיקן וואַלד. און די ביימער זענען געווען מיינע ברידער און מיינע חברים. זיי האָבן מיך געלאָזט אַרויפקלעטערן אויף זייערע שטאַמען און זיך באַהאַלטן צווישן זייערע צווייגן; ס'גראָז איז געווען מיין קישן, די ירקות, מיין טעגלעך ברויט. איך האָב דעם וואַלד פאַרציילט ווער איך בין און פאַרטרויט מיין נאָמען. אָבער, די יעגער זענען אומעטום געלעגן באַהאַלטן און האָבן געטשאַטעוועט אויף מיר. זיי זענען געווען אין די המקים, און איך גאַנץ אַליין; און דאָך האָבן זיי אַלע אויף מיר געטשאַטעוועט. באַוואָפנט פון קאָפּ ביז פוס. זיי זענען געווען אויף דער וואַך טאָג און נאַכט — אין שטעט און דערפער, אין די פעלדער און אין די וועגן — דאָס אַלץ וועגן מיר. איך האָב איינגעזען אַז איך טראָג מיט זיך אַ טייערן אוצר, פאַר וועלכן עס לוינט זיך אָט די אַלע באַמיאונגען אים צו כאַפּן. טאָקע



פון אָט די יעגער האָב איך ערשט געלערנט ווי אַזוי צו באַשיצן דעם דאָזיקן אוצר.

גאַנץ אָפט איז ס'לעבן געוואָרן אַ צו גרויסע לאַסט צו דערטראָגן. כ'פלעג אָפט טראַכטן וועגן יענע יידן וואָס איך האָב צוריקגעלאָזן אינם גרוב, וועגן טאַטן און דער מאַמען און די קינדערלעך. איך האָב חרטה געהאַט פאַרוואָס איך האָב זיי איבערגעלאָזט, ווייל עס איז נישט גוט פאַר אַ יידיש קינד צו לעבן אַליין אַרומגערינגלט פון יעגער. אָבער, איטלעכעס מאָל, ווען איך פלעג זען ווי אַזוי זיי האָבן אַרומגעזוכט אַ ייד, האָט עס מיך ווידער איבערגעצייגט אַז אַ יידיש קינד שטעלט מיט זיך פאַר אַן אומשעצבאַרן אוצר. און איך האָב דעמלט געשוואוירן אַז איך וועל עס דערהאַלטן, ווי שווער עס זאָל נישט זיין! מאַנכעסמאָל האָט זיך זיי אויסגעדוכט אַז אָט האָבן זיי שוין דעם אוצר געכאַפּט: אַרומרינגלענדיק הייזער און גאַנצענע גאַסן, פלעגן זיי אַרויסקלעטערן אויף דעכער און זיך אַראָפּלאָזן אין קעלערס, זוכנדיק אויבן און אונטן. זיי פלעגן זיין אויסגעשטאַט מיט אַלע סאָרטן אינסטרומענטן אויסצוגעפינען יעדן געשריי, זיפץ און ריר בכדי צו געפינען מיין באַהעלטעניש. איך האָב אָבער אָפּגעהיט דעם אוצר, נישט געוויינט און אויך אויפגעהויבן מיין קול. איך פלעג האַלטן מיין אָטעם, און זיך, איבערחזרנדיק מיין שבועה:

„מיין נאָמען איז חיים און איך וועל לעבן!"

פרעגט מיך נישט ווען ס'געיעג האָט זיך געענדיקט, ווייל עס האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט. בלויז די פּנים'ער און די אוניפאַרמען פון די יעגער האָבן זיך געטוישט. כ'האָב געהערט אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט. די גלאָקן האָבן געקלונגען — נצחון! ס'האָט זיך געהערט געזאַנג אין די גאַסן: אַ נידער מיטן שונא! אַלע מענטשן זיינען פריי! ס'האָט זיך מיר געגלוסט אויך צו וויזן אין גאַס און שרייען: „איך בין אַ יידיש קינד!" און דאָ בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ פאַסטקע. ס'זיינען נאָך אַלץ געווען די יעגער, וועלכע האָבן בלויז גערעדט אַן אַנדערן לשון, אָבער אויך זיי זיינען געווען להוט און געטשאַטעוועט אויפן לעבן פון אַ יידיש קינד. האָב איך ווידער געמוזט באַהאַלטן מיין סוד און ליגן אין אַ באַהעלטעניש. כ'האָב זיך אַרויסגעריסן פון דער פאַסטקע און זיך אַריבערגעשוואַרצט די גרעניץ.

ביי דער גרעניץ זענען געשטאַנען סאָלדאַטן וואָס האָבן ליב זיך צו שפּילן מיט קינדער, און זייער שמייכלען האָבן מיך שיער נישט ווידער אַריינגענאַרט אין אַ פרישער פאַסטקע. זיי פלעגן צוערשט שמייכלען, מיך זעצן אויף זייערע קני, מיר געבן צוקערלעך און זיך מיט מיר שפּילן. אַביסל שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן מיך אויספרעגן: „וואו איז דיין טאַטע־מאַמע?" אָבער איך פלעג שווייגן און נישט ענטפערן. זיי פלעגן נישט אָפּלאָזן: „וואו וואוינסטו און פאַרוואָס ביסטו אַוועקגעלאָפן? און וואוהין ווילסטו גיין, יינגעלע?" איך האָב שוין נישט מער געקענט שווייגן און כ'האָב געענטפערט: „און וואו זאָל איך וואוינען, אפשר וועט איר מיר זאָגן, ווייל פון אומעטום יאָגט מען מיך אַרויס!"...

ס'גייען איז ווייטער אנגעגאנגען, אבער די יענער האבן שוין מער נישט געקענט אפנארן מיך, חיים'ען. כ'פלעג זיי שוין דערקענען פונדערווייטנס און איך האב מיך אויך אויסגעלערנט דערקענען א ייד אונטער טויזנטער פון גויים... ווען ער פרואווט באהאלטן זיין אידענטיטעט, ייד פארשטעלן אין אלע אופנים, צו רעדן וועלכעס עס איז לשון אויף דער וועלט — איך וועל אים פונדעסטוועגן דערקענען. ס'האט קיין צוועק נישט מיך צו פרעגן ווי אזוי איך דערקען עס. ווייל אויב אפילו איך וועל עס אייך זאגן וועט איר עס אויך נישט פארשטיין. ס'איז אזוי שווער יענעם דאס צו דערקלערן. דער ייד האט צווי אויגן; אין איינעם איז פאראנען טויט; אינם אנדערן — לעבן. מיט איין אויג זעט ער דעם מאסן־קבר מיט די ברמינג'ס, דעם טייך מיט בלוט און דאס אלץ. און מיטן אנדערן — ניין, איך קען עס נישט איבערגעבן, ווייל אין דער אמתן איז אין ביידע אויגן פאראנען סיי טויט, סיי לעבן, טיפע אויגן וואס שרייען אויס, וואס שטעכן א דורך און ברענען און פולסירן. א ניין, איר וועט עס קיינמאל נישט פארשטיין. און, דאך, מיך קען מען נישט אפנארן.

פלוצלינג האב איך געזען א מאן געקליידעט אין א שיינער אוניפארם, א יענער ווי די אנדערע. איך האב אריינגעקוקט זיך אין זיינע אויגן און נישט נעפרעגט קיינע פראגן. אויך ער האט געשוויגן. איך האב צו אים געזאגט: „שמע ישראל! מיין נאמען איז חיים!" פעסט האט ער מיך גענומען אין זיינע אָרעמס. ווי עס האט אמאל געטון מיט מיר מיין טאטעשי. ווען מיר זיינען געגאנגען צוזאמען צום קבר, און ער האט מיך פעסט צוגעדריקט צו זיין ברוסט, ווי טאטע האט עס געטון אינם גרוב. אבער דאס מאל האב איך נישט געשפירט קיין שום שמערץ. איך האב אויך נישט געשריגן. איידער איך האב נאך באוויזן ארויסצוזאגן א ווארט האט ער שוין אלצדינג פארשטאנען. דאן האט ער געזאגט: „וואס פאר א שיינער נאמען! יעדער פון דער שארית הפליטה ברויך זיך צוגעבן אט דעם נאמען צו זיין איינענעם. דו זאלסט לעבן צוזאמען מיט אלע לעבנדיקע יידן. זאלסט וויסן זיין אז יידן האבן א לאנד פון לעבן, וואס באמוטערט יעדעס פאריתום'טע יידישע קינד. אינם דאזיקן לאנד, די מאמע פון אלע יידן, זאלסט אויך לעבן!"

פרעגט מיך נישט ווי אזוי ער האט מיך דא אהערגעבראכט. איך קען האלטן א סוד, און דעם דאזיקן סוד וועל איך אויסזאגן, ווייל איך בין שוין מער נישט קיין קינד. באטשיק ער האט מיך געטראגן איבער יבשה און ימים, האב איך נישט געוויינט. צוערשט איז דער ים געווען שטיל, אבער א צייט שפעטער האט ער אנגעהויבן ברויזן. אז ס'האט זיך מיר אויסגעדוכט אז דער ים, ווי דער קבר, וועט די יידן איינשלינגען. דאך האב איך נישט געוויינט. מאג און נאכט האט דער ים געברויזט אן אויפהער. איך האב בלויז געענטפערט:

„מיין נאמען איז חיים; און איך וועל לעבן!"

און דער ים האט סוף כל סוף מיט מיר שלום געשלאסן. ווינגענדיק א וויגליד. ווי עס פלעגט עס טון מיין מאמעשי ווען זי האט געוויינט און איינגעשלעפערט די „קליינטשיקע". אויך מיך האט דער ים איינגעוויגט און איינגעשלעפערט; און איך, וואס איך בין שוין נישט מער קיין קינד, בין אנטשלאפן געווארן ווי א קליין יינגעלע...

כ'וועל מער נישט דערציילן. און פלוצלינג האט ער מיך אויפגעוועקט, רופנדיק מיך „חיים! חיים!" ער האט מיך געטראגן אויף זיין פלייצע. אבער ער איז געווען אונטערגעטונקען אינגב וואסער, אחוץ זיין קאפ און אָרעמס. מיינע פיס זענען אויך געווען נאס, אבער איך האב נישט געוויינט. נאך א פאר שריט, און ער איז געווען אינדרויסן אויפן טרוקענעם זאמד — קיין שום אנדערע זאך ווי טרוקענער ריינער זאמד. ער האט זיך אנידערגעווארפן אויפן זאמד, האט מיך געווארפן אויפן זאמד, און איז דארט געלעגן און געוויינט ווי א קליין קינד. ער האט צו מיר געזאגט: „חיים, חיים, דא זאלסטו לעבן צוזאמען מיט אלע יידן — ווייל עם ישראל חי". ער האט אנגענומען א פולע האנט מיט זאמד און האט דערמיט געשפילט ווי א קליין יינגל טוט. איך בין געלעגן אינם זאמד, און עס איז געווען ווארעם, טרוקן און ווייך, און דער זאמד האט מיך געצערטלט ווי א מאמע, און אויך איך האב אנגעהויבן וויינען. בלויז דאס איינע מאל. קיינמאל אין לעבן וועל איך ווידער וויינען. אזוי ווי איך לעב, און ווי מיין נאמען איז חיים; איך וועל בלויז לאכן, זיין פריילעך, זינגען און זאגן:

„מיין נאמען איז חיים, איך וויל לעבן!" איך וועל לעבן צום צופיקעניש פון אונזערע שונאים, די פייניקער און יענער!

איבערזעצט

פון נחום שטענצל

אברהם בוימערדער (בעלגיע)

## צינד איך אן א יארצייט-ליכט

צינד איך אן א יארצייט ליכט
נאך מיין טאטן מאמען שוועסטער,
אויף די קברים וויל איך גיין...
געווארן איז מיין הארץ א קבר.
איינגעקריצט יעדן נאמען אויף מיין געביין.

גיי איך איינגעהילט אין טרויער
און מיין שטוב טרייבט מיך ארויס.
אז כ'ווייס נים ווי צו זיין!
איז שוין אלץ פאר מיר פארלוירן?
אז נים דא מער — נים דא קיין חיים.

וואלט איך וועלן לעבן אופסניי !
וועט עס נאר א ליגנט זיין,
ווייל פאריתומט איך בין אצינד.
און צוזאם מיט צענדליקער טויזנטער
נעבליבן פאר יתומט אויך מיין קינד.

צינד איך אן א יארצייט ליכט
נאך מיין טאטן, מאמען, שוועסטער ;
פלאקער פייערל א הייליקן פלאם,
פאר ועקס מיליאן קדושים,
פון אונזער אייביקן שטאם.

---

## הרב דוב ווארשאווסקי

# מתתיהו שטעכט דעם חזיר־יידל...!

די ראזיקע אגדה, — פארוואס האט עפעס מתתיהו פריער געשטאכן דעם פארעטעריש יידן און נישט דעם יון ? — האט געזאלט דינען אלס טעמע פאר א. נ. שטענצלס לייט־ארטיקל, אין שייכות מיט גאלאנצעס בגידה. נאר ווייל פריינט שטענצל האלט פון : „כל המתחיל במצוה אומרים לו גמור", האט ער די מצוה פון שטעכן דעם... מיר איבערגעגעבן. אגב, איז שוין געווארן דעם חודש, א יאר (7 נאוו.), זינט, ווען מיר האבן אויף דעם גרויסן ציוניסטישן „מיטינג", צעשטויסן מיטן שירעם דעם טריבונעל־אלטאר, אויף וועלכן דער „הומאניסט" וויקטאר גאלאנץ האט מקריב געווען דאס גאנצע יידישע פאלק פארן וואויל פון די דייטשע רוצחים ; דערקלערנדיק מיט חוצפה : „איך בין א ציוניסט, און דאך, האב איך געהאלפן און וועל ווייטער העלפן די דייטשן...!

עס ווערט דערציילט, ווען אנטיוכוסעס לעגיאנערן זיינען געקומען אין דעם קליינעם שטעטל מודיעין, האבן זיי צונויפגעטריבן אלע יידן אין מארק און געצוואונגען מתתיהו'ן, אלס דעם ראש פון שטעטל, צו מקריב זיין א חזיר פארן אפגאט. ווי זיי אמפערן זיך אזוי מיט מתתיהו'ן, איז אויפגעשפרונגען אן אלטער ייד און האט זיך אנגעבאטן צו מקריב זיין דעם חזיר. אין דעם מאמענט שטעכט מתתיהו דעם יידישן בוגד. הרג'ט אוים די יונישע לעגיאנערן און פראקלאמירט דעם אויפשטאנד קעגן די העלעניסטישע אונטערדריקער.

נאך א כאראקטעריסטישער עפיזאד : איינמאל, נאך א ביטערן קאמף מיט די יוונים האט יהודה המכבי מיט חשד באמערקט אויפן שלאכט־פעלד א גאר גרוים פראצענט פון זיינע „קעמפער" ליגן טויט. נאך א גענויער אונטערזוכונג האט מען ביי די געפאלענע „קעמפער" געפונען פארשטעקט אין די בוזעמס — העלעניסטישע געטשקעס... האט יהודה געזאגט : „געבענטשט איז גאט וואס ער האט זיי גע'הרג'ט"...



די דאזיקע צוויי עפיזאדן, זיינען זער סימבאליש און באלערנט. וואס שפיגלען פאר אונז אפ אזוי בילט. די געשעענישן ארום דעם נס חנוכה, אמאל און היינט. גענוי דאס זעלבע וואס ס'איז געשען אמאל חזרט זיך איבער היינט און פארקערט.

עס איז גארנישט שווער צו פארשטיין פארוואס מתתיהו האט צום אלעם ערשטן אפגערוימט דעם חזיר־יידל. עס איז גאנץ פשוט. ווייל שטענדיק און אומעטום איז דער „חזיר־יידל" די הויפט סיבה פון אלע יידישע אומגליקן. אן דעם יידישן בוגד וואלטן די שונאי ישראל נישט געקענט אדורכפירן זייערע טייוולאנישע פלענער. דער עמלק, מוז שטענדיק האבן אזא „יידל", וואס זאל אים פראטעזשירן אין אלע זיינע אקציעס. און אזוי זעען מיר, ווי א גאנץ פאלק ווערט פארזונקען אין שפלות. און לאזט זיך פירן פון די „חזיר־יידלעך", וועלכע טריאומפירן איבער די גאסן פון ירושלים, זיינען מקריב דעם חזיר־קרבן פאר דעם שונא ישראל און פאסמאקעווען זיך מיטן חזיר־פלייש. אנטיוכוס'ס לעגיאנערן גייען פון שטאט צו שטאט און פאראיים גייט דער אפארטיוניסטישער יידל און ווייזט דעם מוסטער פון „קאאפעראציע" און „הומאניזם", — ביז זיי קומען קיין מודיעין, און דא שיינען אויף די אומבאקאנטע קנאים, דער טאטע מיט די פינף זין — מתתיהו ובניו !

און דא שווימט אויף די פראגע : וואו זיינען געווען די "משיח־פריסטן", די „משיח־רבים", ווען מען צאל דאן אין ירושלים, איז געווען נישט ווייניקער ווי היינט...? וואו זיינען געווען די אפיציעלע יידישע פירער ? פארוואס האבן זיי געשוויגן און געלאזט זיך פירן פון די חזיר־יידלעך ? — איז דער תירוץ זיי זיינען געווען דארטן, וואו זיי זיינען שטענדיק, ווען עס איז אן עת צרה און א סכנה פאר יידן — אין די לעבער !

דער נס חנוכה, ווי איך האב שוין געשריבן, איז געווען וואס עס האבן זיך, קודם כל, אפגעזוכט אין פארווארפענעם שטעטל מודיעין, א הייפל אומבאקאנטע ערלעכע פייערדיקע יידן, וועלכע האבן רעזיקירט מיט זייערע לעבנס און אפגעראטעוועט דאס יידישע פאלק פון אונטערגאנג.

פון אנפאנג האבן די מכבי'ער געהאט צו פירן זייער קאמף פון אינווייניק און אויסווייניק אין זייער שווערע באדינגונגען. אבער שפעטער. אפהאלטנדיק עטלעכע נצחונות, האבן זיך, צו די פארהאסטע און פארשריגענע חשמונאים, אנגעהויבן אנקומען די שוואכלינגס די טומטם'ס. געקומען זיינען זיי צו שניידן די פרוכט פון די חשמונאים־נצחונות... און געפאלן זיינען זיי ווי די מנוולים, מיט די געטשקעס און די קעשענעס... דאס זיינען די בארימטע „קלוגע", אפארטיוניסטן, וואס זיינען שטענדיק מיט דער „מערהייט", מיטן זיגער, וואס שטייען שטענדיג מיט איין פוס אהין און מיט איין פוס אהער ; די „פותחים על שתי הסעיפים", — א „בייבל" אין איין קעשענע און אין דער צווייטער א געטש...! זיי לויערן מיט זייערע וועלפישע אויגן אויף וועלכן צד דער רויב וועט זיין גרעסער און געשמאקער ; אזעלכע „קעמפער" האבן סוף

כל סוף נישט קיין הצלחה, און געבענטש איז גאָט וואָס ער רייניקט זיי אָפּ פון וועג...!

איז דאָס נישט כאַראַקטעריסטיש? פאַרוואָס עפּעס האָט זיך געדראַפּט אָפּזוכן א „יידל" און „ציוניסט", וויקטאָר גאָלאַנץ, וואָס זאָל זיך אָננעמען די קריוודע פון די דייטשישע מערדער?! — זיינען שוין גאָר נישטאָ אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד קיין אמתע ענגלישע „הומאַניסטן" א חוץ דעם דאָזיקן „יידל"?! אַט האָט דאָך פאַראיאָרן, למשל, אויך י. ב. פּריסטלעי אַרויסגע־קומען (אין ניוס־קראָניקל, 12 סעפּ., 1945) מיט א רוף „צו העלפן די דייטשע קינדער אויפן זעלבן מוסטער ווי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה". און מער האָבן מיר פון אים נישט געהערט. פאַרוואָס שווייגט ער און זיינס גלייכן?

אמת, עס זיינען דאָ עטלעכע בישאָפס און גלחים און ספּעציעל דער בישאָף פון טשיטשעסטער (דער לעצטער איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין דייטשלאַנד...) וועלכע טערן וועלטן פאַר די „אָרעמע דייטשן". „ראַווינען" מיט זיי אין די טשערטשעס און קושן זיך מיט די דייטשן אין די פּיסקלעך. מילא צו די דאָזיקע יעזואיטן קענען מיר קיין טענות נישט האָבן. זיי האָבן קיינמאָל נישט געזאָגט קיין גוט וואָרט פאַר יידן און זיינען צופרידן וואָס דער „יעזוס־צלם", דער שווערד האָט זיך נוקם געווען אָן די יידן, די „אומגלויביקע"... און אפילו די יעזואיטן פאַרשטעלן זיך אויך און אַרבעטן אונטער דער שילד פון דעם „נאַציאָנאַלן" און „ציוניסט" וויקטאָר גאָלאַנץ. — פאַרוואָס? ווייל זיי די גוים פאַרמאָגן נאָך א שטיקל טאַקט, זיי וואָגן נישט אַרויסצוטרעטן מיט־אַמאָל, אָפן, פאַרן דייטשן רוצח. דעריבער האָבן זיי אָפּגעזוכט א „חזיר־יידל" פאַר א וועג־ווייזער און פירער צו מקריב זיין דער ערשטער דעם חזיר־קרבן...!

און ווירקלעך דער דאָזיקער „בונד" פירט א דורך דעם פּלאַן פון די יעזואיטן מיט געוואַלדיקער פּרעציזקייט און געשיקטקייט. ווי דער „ניוס־קראָניקל" (25 נאָוו. 46) טריאומפירט, זיינען כמעט אַלע גוים פאַר גאָלאַנצן! און איך קען צוגעבן, אַז עס איז „אים" אויך געלונגען צו פאַרנאַרן אין זיין נעץ טויזנטער „יידן", נאַטירלעך, אַזעלכע וואָס טראָגן אַרום נעמשקעס מיט „ציונים" אין די קעשענעס....

וואָס פאַרא חוצפּה און אומפאַרשעמטקייט אַזעלכער מוז שוין האָבן, צו פאָרן קיין דייטשלאַנד, צו זען צי די „גוטע" דייטשן האָבן צו עסן?! ווען איך וואָלט נישט געלייענט גאָלאַנצעס רחמנות־אַפּילן פאַר די דייטשן אין דער „טיימס" 5 נאָוו., ניוס־קראָניקל 13, 14, 15, 18, 19, 23, 25, 26 נאָוו., 1946, וואָלט איך מיינע אייגענע אויערן נישט געגלייבט הערנדיק דאָס! „ער" וויל אַז מיר זאָלן אָוועקגעבן אַלעס, אונזערע אָרעמע פּאָרציעס פלייש, מילך, שפּייז, אַלעס פאַר די דייטשן! אויב גאָלאַנץ איז ווירקלעך א „הומאַניסט", ווי דער „קראָניקל" וויל האָבן, טאָ פאַרוואָס איז ער אָפּגעזעסן גאַנצע 6 וואָכן אין דייטשלאַנד, געיאָמערט פאַר די נאַציס, און איז נישט געגאַנגען זען ווי די יידן לעבן און הונגערן אין די קעמפּס אין דייטשלאַנד?!...

טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק, האָבן מיר דאָ נאָך א „שטיקל" פון חוצפּה



געמיינהייט: פאַריקן שבת האָב איך דערהאַלטן אין מיין שול א צירקוליאַר פון דער „סייוו יוראָפּ נאַו" גרופּע, וועלכע גיט אָן א פּאָר גלחים מיטן בישאָף פון טשיטשעסטער אַלס די אַפּוטראָפּסים און וויקטאָר גאָלאַנץ, וועלכער איז יעצט אין דייטשלאַנד, אַלס איר „טשערמאַן". נאַטירלעך, צו פאַרמאַסקירן די אויגן, דערמאָנט מען בלאַחר יד — „אייראָפּע". און דאַן דערציילט מען אונז, אַז דייטשע קינדער האָבן נישט קיין שיך; אַז עפּעס צוויי אַלטע דייטשע ליידים שלאָפן אין א גאַראַזש, על כן, רופן זיי א גרויסן מיטינג אין „פּאַלאַס טעאַטער", 15 דעצעמבער, פון דעלעגאַטן פון אַלע טשערטשעס און בעטן מיר איך זאָל אויך שיקן דעלעגאַטן. און גיבן צו, אַז מען קען אויך שיקן פּריוואַט פּעקלעך קיין דייטשלאַנד. אַט דאָס הייסט א מוסטער פון חזיר־יידל־הומאַניזם!

[ערשטנס, פרעגט זיך, וואו האָבן די יעזואיטן גענומען די אַדרעסן פון די שולן? — און צווייטנס, עפּעס רעדט דער צירקוליאַר פון א „רושאיש קאָמיטע פאַר רעליף אַבראָאַד". וואָס אַרבעט מיט מיט גאָלאַנצן — אַלזאָ, ווער איז דאָס די „רושאיש קאָמיטע"? ווער איז זי? מיר ווילן וויסן!!]

היינט, ווי אַמאָל מתתיהו, מוזן מיר אויסשרייען: „מי לה' אלי!" דאָס יידישע פאָלק און באַזונדערס די וואָס שפּירן אָן דעם יידישן חורבן טאָרן נישט דערלאָזן צו דעם דאָזיקן סקאַנדאַל! עס גייט דאָ אין פיל מער, ווי שפּייזן די דייטשן, וואָרים, נאָכדעם ווי וויקטאָר גאָלאַנץ האָט אָפּגעהאַלטן זיין נצחון, און ער האָט געקראָגן דעם מאָנאָפּאָל אויף צו שיקן פּעקלעך־שפּייז פאַר די דייטשן (נ.ק. 26 נאָוו. 46) — אַלאַמירט יעצט גאָלאַנץ, אַז מען זאָל נישט מאָנען ביי די דייטשן קיין „מלחמה־ענטשעדיקונג". (ד.ה. 23 נאָוו. 1946). מ'קען זען בעשיינפּערלעך, אַז די יעזואיטן, מיט זייערע „יידלעך", האָבן זיך פאַרלייגט ריין־צו־וואַשן דאָס דייטשע פאָלק פון די פאַרברעכנס, און דערמיט אויך אַראָפּנעמען דעם שאַנד־פלעק פון זייערע פּנים'ער, ווייל עס איז א פעסט־געשטעלטער פאַקט, אַז די אַלע געהאַנגענע נאַציס זיינען געווען קאַטאָליקן, אָדער געבוירענע פון קאַטוילישע עלטערן! מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז דער יעזוס־צלם־שווערד, וואָס האָט אומגעבראַכט אונזער פאָלק, זאָל „גע'כשר'ט" ווערן! מיר דאַרפן ווייזן דער וועלט, אַז יידיש בלוט איז נישט הפקר און מיר זיינען נישט מוחל! ס'איז מיין ערנסטע וואָרענונג: עס דראָט אונז א סכנה פון גאָלאַנצעס „סייוו יוראָפּ", מער ווי פון מאָזלי'ס חברה...! געדענקט!

אונזער יידישע מחנה מוז געריייניקט ווערן פון די חזיר־יידלעך, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט נעמשקעס, מיט א צוויי־קעפּיקן „גאָט", מיט א צלם אויפן האַרץ! זיי געהערן נישט צו אונז! דער וואָס שטיצט עמלק, די רוצחים, איז נישט קיין ייד! וואָס גיכער מיר וועלן פון דעם דאָזיקן „שעטנז" פּטור ווערן אַלץ געזינטער וועט זיין פאַר אונז! — א גע'שמד'טער „משיח־רבי", (אזלאי פון רוים), א „משיח־רבי" א קאַרדינאַל, איז פאַר אונז נישט געפערלעך; פיל ערגער און שעדלעכער איז פאַר אונז א קאַרדינאַל — א „משיח־רבי"!!

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן אָפן און קלאָר: מיר וועלן אַזוי לאַנג קעמפן ביז די אַפיציעלע ציוניסטישע פירונג וועט נישט איבעררייסן מיט די „חזיר־

ידלעך" מכל המינים! מיר שרעקן זיך ווייניק וואָס פאַר זייערע סטראַשונקעס! מיר האָבן נאָך אַזוי פיל „אהבת ישראל", „אהבת ציון" און „אהבת תורה" ווי די באַמטע און ביוראָקראַטן פון די „פּאַלעסטינע־אַפּיסעס"! מיר באַקעמפן נישט ציון. — נאָר אַ פאַלשע און שעדלעכע שיטה! עס איז שוין אַזוי באַשערט אונז, אַז מיר זאָלן כאַפּן די מעסער־שטעך, דווקא פון די „נאַציאָנאַלע יידן". — אַזוי האָבן מיר פריער געהאַט צו טאָן מיטן „טראַנספער־אָפּמאַך" און היינט — אַן אָנשיקעניש פון „גאַלאַנציזם"...!

מיר ליבן דאָס פאָלק און ציון, אָבער מיר האַסן די „פּאַלעסטינע־רעדנער" אין די שולן, וואָס פאַרטיידיקן גאַלאַנצן! מיר האַסן די חזיר־יידלעך, וואָס זיינען מקריב דעם חזיר־קרבן אין די נאָמען פון ירושלים! מיר האַסן די פיקס־אידייע צו פאַרוואַנדלען דעם ציון־טריים אין אַ געשעפט־דינסט! און אפילו ארץ ישראל — מעג מען שוין אַלעס?! מעג מען שוין טרייבן שקר און שווינדל און אפילו טרעטן מיט די פיס און פאַרקויפן אונזערע טייערע?! אויף אַלץ איז דאָ אַ גרעניץ! ביי אונז שטייט דער זכרון און כבוד פון די קדושים העכער פון דריטן „בית המקדש"! ווייל דאָס ביסעלע חשמונאים־קנאות און ריינעם יידישן פייער שעפּן מיר נאָך דערוויל פון דעם „גלות־אומקום" אין פוילן...! און ווייסן זאָלן זיי, אַז דער לאָזונג: „דער צוועק כשרט די מיטלען" איז יעזואיטיש, און די יעזואיטן האָבן נישט דערגרייכט און וועלן נישט דערגרייכן זייער צוועק אָבער געבליבן זיינען זיי ביי טרפה'נע מיטלען...!

אויב דער רעדאַקטאָר אַליין פון „ניוס־קראָניקל", האָט פאַרגעסן וואָס ער האָט געשריבן (19 אַפּריל 1945): „זאָל די וועלט זען פון נאָענט די באַווייזן פון דייטשלאַנדס פאַרברעכן קעגן הומאַניזם". און שרייבט היינט (25 נאָוו. 1946), אַז וויקטאָר גאָלאַנץ איז גערעכט. מיר מוזן שפּייזן די דייטשע קינדער, וועלכע וועלן זיין די פירער אין 25 יאָר אַרום", און צערייסט זיך דעם ספּאַרעק פאַר די דייטשן מער פון אַלע ענגלישע צייטונגען, הגם ער האָט די גרעסטע צאָל יידישע לעזער — איז דאָס מחמת ווייל אין די קרעמאַטאָריום'ס זיינען נישט געברענט געוואָרן קיין ענגלענדער! און וואָלט דער פאַל יאָ געווען געשען, וואָלטן די „הומאַניסטן" אַרויסגענומען נישט נאָר „אַן אויג פאַר אַן אויג". נאָר דאָס גאַנצע לעבן...!

אויב י. ב. פּריסטלעי האָט אַמאָל געשריבן: „ווי קענען מיר אויסשטעלן די דייטשע קינדער פון אַנדערע, ווייל אויב „זיי" וועלן אַ דורכלעבן די צייט, וועל זיי דאָס אונז קיינמאָל נישט פאַרגעסן". — טאָ היינט, אויב די דייטשע קינדער האָבן דאָס רעכט נישט צו פאַרגעסן, טאָ ווי קענען מיר פאַרגעסן, און ווי האָבן מיר דאָס רעכט צו פאַרגעבן די ראָציקע דייטשע רוצחים, וועלכע זיינען מיט 25 יאָר צוריק, אַלס קינדער, געשפּייזט און געקאָרמעט געוואָרן פון אונז. און די זעלבע דייטשע קינדער האָבן צעשאָכטן די יידישע קינדער?!

יאָ. נישט קיין „הומאַניסט" איז דער וואָס פאַרגעסט און איז מוחל אַזאַ שחיטה — נאָר אַ פאַרברעכער, אַ שווינדלער אַ היפּאָקריט איז ער!!!

מיר האָבן שוין פאַרגעסן, האָט דאָך דער באַפרייטער און גוטער דייטש,



פּריטשע, געזאָגט אין דייטשן ראַדיאָ (21 אַפּריל 1945): „מיר דייטשן האָבן באַגאַנגען פאַרברעכנס, אָבער עס מאַכט נישט אויס, עס האָט אַלץ געלוינט צוליבן „נייעם אָרדער" (סאַנדיי קראָניקל 22 אַפּריל, 1945).

„דייטשלאַנד באַגאַנגען פאַרברעכנס". אָבער קענען וויסן? — זאָגט דער דייטשישער גענעראַל אָטאָ אָהלענדאָרף אויפן נירעמבערגער פּראָצעס: „די פאַראָרדענונג פון דער דייטשישער רעגירונג איז געווען צו אויסראָטן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, נאַטירלעך אויך די קינדער. אָבער נאָר יידישע קינדער האָבן מיר געהרגעט נישט קיין אַנדערע. זיין חברה אַליין האָט אויסגעמאָרדעט 90.000 יידישע נפשות אין רוסלאַנד" (איווינינג סטאַנד. 3 יאַנואַר. 1946).

דייטשישע פאַרברעכנס: אָקטאָבער, 1942. דאָס גאַנצע רובנער יידישע באַפעלקערונג איז פאַרזאַמלט אויפן שחיטה־פּלאַץ. טאַטעס און מאַמעס און קינדער שטייען נאַקעט, קושן זיך און וויינען... געזעגענען זיך און וויינען... אַ פאַמיליע פון 8 נפשות. דער טאַטע האַלט דאָס האַנט פון זיין 10 יעריקן זון און רעדט צו אים געזעגנט זיך... די באָבע האַלט דאָס 1־יעריקן קינד... דערנעבן שטייט די מאַמע מיטן 8 יעריקן קינד און צוויי דערוואַקסענע טעכטער פון 22 און 24... מיט אויגן פאַרטרערטע, פאַרשטיינערטע קוקן זיי אָן איינער דעם אַנדערן... די גאַנצע פאַמיליע ווערט אַריינגעפירט אין אַ מינעל אויף אַ באַרג פון הרוגים. איניקע צאַפּלען זיך נאָך... אַן אָנגעפּרעסטער דייטש זיצט ביים אַריינגאַנג מיט אַ מאַשין־ביקס. עס דערהערן זיך שאָסן... און אַ צווייטע פאַמיליע ווערט שוין געפירט צום טויט... (נירעמבערגער פּראָצעס. סטאַר, 2 יאַנואַר, 1946).

„דייטשישע פאַרברעכנס": 2.500.000 מענער פרויען און קינדער זיינען פאַרגאַזט געוואָרן אין אויסשוויצים טויטן־לאַגער... נאָך אַ האַלבער מיליאָן, איז געשטאָרבן פון הונגער... יעדן טאָג זיינען געבראַכט געוואָרן עשאַלאָנען מיט 2.000 נפשות און גלייך געגאַנגען צום טויט... יידישע מאַמעס האָבן בעהאַלטן זייערע קינדער אונטער די זאַכן, אָבער מיר האָבן די קינדער שטענדיק אויסגעפונען... די קינדער זיינען די ערשטע אומגעבראַכט געוואָרן, ווייל זיי האָבן נישט געקענט אַרבעטן... דערציילט פון רוצחישן קאָמענדאַנט רודאָלף האָעס אויפן פּראָצעס. (סטאַר, 1 אַפּריל 1946).

דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אומגעבראַכט... אַלע יידישע קינדער אויסגעשאָכטן... טאַטעס וויינען, מאַמעס יאָמערן איבער זייערע קינדער... קיינער העלפט נישט... און די היפּאָקריט, די מנוול, די „חזיר־ייד", די הערסט נישט די געשרייען, די געוואַלדן, דאָס יאָמערן פון אַ גאַנץ פאָלק?! הערסטו נישט!? — מיין טאַטע.. מיין מאַמע.. מיין שוועסטער.. מיין ברודער.. מיין קינד.. מיין פאָלק.. הערסט נישט זייערע קולות ווי זיי שפּאַלטן די ערד?!

„מי לה' אלי!" מיר הייבן אָן אַ הייליקע מלחמה פאַרן כבוד פון די קדושים און פאַר אונז אַליין!!

א. מתתיהו. א. יהודה. שטעך, שטעך דעם „חזיר־ייד"!!

## נאטאן מארק (רומעניע)

# איך שיק אצינד א ליכט אראפ

דיר „מיין ליכטיקסטער פרילינג".

אין א ווינטערדיקן מארגן,
ווען א שטיק־גרויער נעפל האט דעם טאג באגינען
אין זיין נעץ דערוואָרגן;
מלאכים האבן אין דער גרויער פינצטערניש
קיין שירה זינגען ניט געקענט.
דער מארגנרויט פארשוועכט, געשענד —
איז דעם באשעפער אומעטיק געוואָרן אויפן הארצן:
און געזאגט, אז ליכט קען ער ניט עקזיסטירן
און דער אויניווערס — א קעלער מיט פארמויערטע טירן...

האט קיין סאך שוין ניט געפעלט,
עס זאָל די גאנצע וועלט
צוריק אין תוהו ובוהו זיך פארוואנדלען —
א גן־עדן פאר היענעס און פאר ראבן — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

האט דער בורא, זיינע בליקן איינגעגראבן
אינעם היכל פון נשמות;
יעדע איינציקע געפרווט, געפאָרשט
— זיינען פלוצים זיינע אויגן פון א ליכט פארבלענד געוואָרן,
שטארקער ווי די זון'ס!
נאך שטארקער ווי דאס זיינע ווען ער אויף דער שטול פון רחמים זיצט.
האט ער, א גליקצעשטראלטער,
זיך נעהייסן זיין מיט ליכט געוועבטעם פורפור־קלייד דערלאנגען;
דעם סאפירן־צעפטער און די האנט געגומען;
די צדיקים און די שרפים,
דורך כרובים־באר געזאגנגען,
אט די בשורה אנגעזאגט:
„עס וועט די ערד שוין קיינמאל ניט דעם ליכט פון הימל אנטערוואָרפן זיין —
איך שיק אצינד א ליכט אראפ!
און ווען דער הימל־שיין
וועט ווען פארטונקלט ווערן,
די מלאכים וועלן ניט קיין שירה קענען זינגען —
וועל איך ביי דעם ערדנליכט א פעדעמל א דינס מיר לייען,
און די זון און גאנצן פון איר דינסט באפרייען...



## יוסף פרענקעל

# אורלויב אין סינדריק

(מיין איבערלעבטע מלחמה־מעשה נאכאמאל דערציילט לכבוד חנוכה)

ווי נאר איך באווייז מיך אין א געזעלשאפט, אפילו וואו איך האב נישט קיין איין און איינציקן באקאנטן, אזוי פארלאנגט מען פון מיר תיכף איך זאָל דערציילן מיין „געשיכטע".

טאג־איין, טאג־אויס, — תמיד דיזעלבע מעשה.

„זייט אזוי גוט, ביטע, ביטע..."

עס העלפן נישט קיין שום תירוצים, איך מוז אלעמאל דערציילן מיין „איבערלעבונג" און כדי איך זאָל איינמאל־פאר־אלעמאל האבן מנוחה, וויל איך עס דא, די דאזיקע געשיכטע פארעפנטליכן.

* * *

קוים בין איך אלט געוואָרן זיבצן יאר מיט ועקס חדשים, האב איך מיך פרייוויליק אנגעגעבן פאר א סאלדאט. מיין גאנצער קערפער, מיין נשמה און מיין הארץ האבן געפלאטערט און געפיבערט פון שפאנונג און אויפרעגונג. איך האב געמיזט נקמה־נעמען פון מיינע שונאים, וועלכע האבן אנגעטאן אזויפיל צרות, און געבראכט אזויפיל אומגליקן אויף מיין פאלק, מיין פאמיליע און אויף מיר אליין.

אז מ'האט מיך ענדלעך אנגענומען פאר א סאלדאט, האב איך פשוט געיובלט פון באגייסטערונג. איך האב ענדלעך באקומען אן אוניפארם, א פאר שטיוול און א ביקס.

אין מיין אבטיילונג בין איך געווען דער יינגסטער אבער דער פלייסיקסטער. איך האב מיט פארגעניגן מיטגעמאכט אלע מושטרירונגען, מארשירט מיט שטאלץ, שטרענג אפגעהיט די דיסציפלין און פשוט געברענט פון נייגעריקייט מ'זאָל מיך שיקן צום פראנט, כדי איך זאָל שטיין פנים־אל־פנים קעגן פארהאסטן שונא.

איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן דעם טאג, ווען מיין אפיציר האט מיר געמאכט די פאלגנדיקע מיטיילונג:

— „נו, ליבער יוסף, איצט האסטו די מעגלעכקייט צו ציינן, וואס דו קענסט..."

אויפן פראנט ביי דער שטאדט לינבק.

שוין עטלעכע וואכן בין איך געלעגן אין די „טרענטשעס" און דורכגעלעבט אלע פאזן פון דער מלחמה. באמבעס, האנטגראנאטן, שטורם־אנגריפן, קאנאנען — איך בין אומעטום געווען און מ'האט אויף מיר געזאגט, אז איך בין א דרייסטער און געוואגטער סאלדאט.

איך האב אמתדיק נישט געפילט קיין שום מורא און נישט געוואוסט, וואס איז דאס אזוינס פחד. איך האב מיך אפילו צוגעוואוינט צו די מייז, וועלכע פלעגן ארומלויפן און קוויטשן אין די „טרענטשעס".

א, אַמאָל פלעגט מיך אַרומכאַפּן אַ גרויל, ווען איך פלעג דערזען אַ מויז, אָבער אין די „טרענטשעס" האָב איך מיך רואיג צוגעקוקט צו די זוכנדיקע אייגלעך פון די גרויסע מייזלעך, וועלכע פלעגן ערגעץ־וואו דערשנאַפּן אַ שטיקל „עסנוואַרג" און זיך גיך אַריינבייסן מיט די שאַרפע ציינדלעך.

אַזוי זענען זיך געלאָפן טעג און וואָכן. איך האָב פלייסיק דערפילט מיין חוב און אומגעדולדיק געוואַרט עפּעס אויף נייע העלדנטאַטן.

מיינע סאָלדאַטן־קאַמעראַדן האָבן מיך ליב געהאַט און מיין גוטער קאָמענדאַנט האָט מיך, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, קעגן מיין אייגענעם ווילן, אָוועקגעשיקט אויף אורלויב.

„נישטאָ דאָ וואָס צו טענה'ן און וואָס זיך אָפּצובעטן", — האָט באַפוילן דער קאָמענדאַנט, — „היינט איז פרייטאָג, און פאַר מיטוואָך טאָר דאָ דיין „רוח" זיך נישט געפינען..."

מילא, באַפעל איז באַפעל.

די „טרענטשעס". די שניידנדיקע קעלט. דאָס שמוציקע וואַסער, דער ליימיקער, קלעפּיקער באָדן, די גרויליקע נעכט, דאָס שטענדיקע זיין אויף דער וואַך, די מייז... אויב איך זאָל ערלעך און אויפריכטיק אייך זאָגן דעם אמת — דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען האָט געווירקט, אַז דער אורלויב, מיין אַרויס־געצוואונגענער אורלויב, איז מיר צונוץ געקומען און האָט מיר גוט געטאָן.

איך וועל ענדלעך, האָב איך מיר געטראַכט מיט אַן אינערלעכן ציטער, זען מיין ליבע און טייערע משפחה, איך וועל מיך איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל אויסשלאָפן פאַר די אַלע נישט־דערשלאָפענע נעכט, איך וועל מיך ריכטיק אָפּוואַשן, זאַט זיך אָנעסן און... אפילו זיך גלאַט ראַזירן.

און נישט ווילנדיק האָב איך אָנגעטאַפּט מיין באָרד און זיך אָנגעהויבן מיישב זיין, צי לוינט זיך עס בכלל אָפּצושערן די באָרד. אַך, ניין! מיט אַ באָרד זעט מען אויס עלטער און אינטערעסאַנטער. און מ'וועט מיך נישט מער באַטראַכטן, ווי עפּעס אַ יינגל.

דרויסן איז געווען אַ קאַלטער ווינטער־טאָג, דער ווינט האָט געשניטן אין פנים אַריין און איך האָב מאַרשירט אין טעמפּאָ, מיט שנעלע סאָלדאַטסקע טריט, כדי אָנצוקומען אין דער געהעריקער צייט צום סינדריקער באַנהויף.

— דער צענטראַלער סטאַנציע, פון וואַנען איך האָב געדאַרפט נעמען אַ צוג און פאָרן אַ היים אויף אורלויב.

דער פראָסט און די קעלט קריכן אַלעמאָל טיפער אין די ביינער און איך פיל מיך אַלץ מידער און מידער. די שעה'ן לויפן און אַט באַלד פאַרגייט די זון און עס וועט צופאַלן די נאַכט. קוים, קוים שלעפּ איך די מידע פיס, מיינע כחות הויבן מיך אָן צו פאַרלאָזן און איך פיל, אַז אַט, אַט פאַל איך אום.

זאָל איך אפשר מאַכן אַ געוואַלד?, — איך ווייס אָבער. וואָס באַדייט דאָס שרייען אין אַזעלכע אומשטענדן, אפשר. קען דאָס מיך קאָסטן מיין לעבן.

איך שלעפּ מיך מיט מיינע לעצטע כחות און די מידע פאַרשלעפערטע אויגן זוכן ערגעץ־וואו אַ פּלאַץ, וואו איך זאָל קענען אַנידערלייגן מיין מידן



קערפּער. פּלוצלינג האָב איך דערזען אַ שיין פון אַ מענטשלעכער וווינונג — דאָס ערשטע הויז פון דער שטאָט סינדריק. איך בין געוואָרן אויפגעמונטערט און אָנגעהויבן שפּאַנען שנעלער.

ענדלעך בין איך צוגעקומען צו דעם הויז. איך האָב אומגעדולדיק אָנגעקלאַפּט עטלעכע מאָל און געעפנט די טיר. אַ קליינע אַלטע יידישע פרוי האָט געדעקט דעם שבת־טיש. אַ ווייס טישטעך, לייכטער, חלות און אַ פלאַש וויין — אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי זויבער, ריין און הייליק. עס איז געווען אַ פרייטאָג־שטימונג. היינט איז דאָך ערב־שבת, מען וועט באַלד מקבל שבת זיין. אינסטינקטיוו האָב איך באַגריסט די קליינע יידישע פרוי מיט דעם געווינטלעכן: „גוט שבת".

די אַלטע האָט מיר געענטפערט און אין אירע גרויסע, ערשטוינטע אויגן האָב איך געזען אַ פאַרוואונדערונג. מיין צעריסענער זעלנערישער מאַנטל, די אָפּגעפרוירענע נאָז און די צעשויבערטע האָר רופן אַרויס ביי דער אַלטער מוטער מיטלייד, זי הייסט מיר שנעל זיך אַרומוואַשן, גיט מיר אַן אַלטן קאַפּטאַן מיט נאָך אַן עלטערער שטריימל און זאָגט צו מיר: „אַזוי, אַזוי, מיין זון, דאָרט גלייך איז די שול. טו זיך אָן און גיי דאַווענען..."

איך בין מיט שנעלע טריט אַריין אין בית־המדרש, קיינער האָט נישט באַמערקט מיין אַריינקומען. די שול איז געווען פול געפּאַקט מיט מתפללים. נעבן אויוון איז געשטאַנען אַ באַנק, דאָ זיינען געזעסן די אָרימע יידן, די אורחים, וועלכע ווערן דורך די בעלי־בתים פון שול איינגעלאַדן אויף שבת. היות עס פלעגט געשען, אָפט, אַז ס'איז געווען מער בעלי־בתים, וואָס האָבן געוואָלט פאַרדינען אַ מצווה, ווי עס זענען געווען אורחים, פלעג דער שמש פון דער שול נעמען אויף זיך דאָס איינטיילן פון די אורחים.

איך האָב מיך שטילערהייט צוגערוקט צו די אורחים און מיך אינערלעך געקווייקט פון דעם „קדיש" און פון דער „מוצא".

איך האָב צוגעדריקט מיין האַלב־דערפרוירענעם קערפּער צו דעם אויוון און איך האָב זיך מחיה געווען מיט דער וואַרעמקייט. איך האָב שטיל נאָכגעזאָגט די תפלות און יעדעס מאָל געענטפערט „אָמן".

פּלוצלינג איז צו מיר צוגעקומען אַ שלאַנקער מאָגערער פּאַרשוין, דאָס איז געווען איציק דער שמש פון בית־המדרש, ער האָט אויף מיר געקוקט מיט שטרענגע, אָבער גוטע בליקן און דערנאָך האָט ער מיר אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— „שלום עליכם, רב הערשעלע..!!"

„וואָס עפּעס רב הערשעלע גאָר? איך הייס דאָך יאַסעלע. אָבער וואָס איז מיר די נפקא־מינה, זאָל ער מיך רופן, ווי ער וויל, פון מיינעטוועגן „רב הערשעלע".

„עליכם שלום", — האָב איך געענטפערט און הויך אויסגעשריגן „אָמן".

און דאָס מאָגערע שלאַנקע יידל, רב איציק דער שמש, איז נאָך בשעת התפלה צוגעגאַנגען צו אַ צווייטן מאָגערן, אָבער נישט שלאַנקן יידן, צו רב

זישא, דעם גבאי און האָט אים עפּעס אַרײַנגערױמט אין אױער. גלײַך נאָכדעם איז זישא דער גבאי צוגעגאַנגען צו מיר, האָט מיר געגעבן די האַנט און מיך באַגריסט:

„שלום עליכם, רב הערשעלע!"

„עליכם שלום", — האָב איך געענטפֿערט און װײַטער געדאַװנט. נאָך דעם גבאי זענען צו מיר צוגעגאַנגען אַ צװײטער, אַ דריטער און אַ פֿערטער און אַלע האָבן מיר זיך געדריקט די הענט.

„שלום עליכם, רב הערשעלע"!

און ס'איז בײַ מיר װידער ענטשטאַנען די פֿראַגע: הערשעלע, װער איז דאָס הערשעלע? װאָרים עפּעס הערשעלע? אָבער אין מײַן קאָפּ האָט געצאַפּלט אַ געדאַנק, צי װעט מיך עמיצער נעמען אַלס אורח אױף שבת. איך האָב געהאַט נאָר אײן־און־אײנציקן פֿאַרלאַנג: עסן, זיך טאַקע גוט אָנעסן, און דאַן אין אַ װײך װאַרימען בעט זיך אױסרוהען און שלאָפֿן...

ענדלעך האָט מען אָפּגעדאַװנט, אָבער פּלוצלינג... װאָס זאָל דאָס באַדײַטן?!

עס פֿאַלן זיך פֿונאַנדער די טירן פֿון בית־המדרש און עס רײַסט זיך אַרײַן אַ פֿרױ.

אַ פֿרױ צװישן מענער־מתפּללים — דאָס איז געװען אַן אמתדיקע סענסאַציע. איך האָב געזען בלױז ברענענדיקע אױגן, אױפֿגעריסענע הענט־באַװעגונגען און איך האָב געהערט אַ ציטערדיקע שטימע:

„הערשעלע, הערשעלע. ענדלעך ביזטו װידער דאָ.. „און,, דרײַ אָדער נאָר פֿיר קלײנע קינדער האָבן מיך אָנגעכאַפּט בײַ מײַן קאַפּטאַן און האָבן יובלדיק געשריגן:

— „טאַטע, טאַטע..."

איך בין געװען ערשטױנט, צומישט. און אײדער איך האָב זיך אַרומגעקוקט און געװאָלט פֿאַרשטײן אָדער עפּעס אױפֿקלערן, — האָט מען מיך צוזאַמען מיט דער פֿרױ און די קינדער אַרױסגעשטױסן פֿון דער שול...

מען האָט מיך נישט צוגעלאָזט צום װאָרט. די פֿרױ האָט גערעדט און גערעדט אָן אַן אױפֿהער. זי איז געװען אױפֿגערעגט און האָט געהאַלטן אין אײן שרײַען און מאַכן מיר פֿאַרװאָרפֿן, דערצו זענען נאָך צוגעקומען די קװיטשערײַען פֿון די קינדער: „טאַטע... טאַטע..."

װאָס זאָל איך דאָ אָנהײבן צו טאָן? אַלס סאָלדאַט בין איך אױף אַלץ גרײט געװען, אָבער צו קריגן פּלוצים, פֿון דער העלער הױט, אַ פֿרױ מיט פֿיר פּאַרטיקע קינדערלעך — בין איך אין מײַנע מיליטערישע איבונגען נישט געװען צוגעגרײט.

דער הונגער האָט געלײמט מײַן װידערשטאַנדסקראַפֿט און דאָס באַדערפֿעניש זיך אױסצורוהען האָט מיך געמאַכט אַפּאַטיש. גאַנץ גלײַך, זאָל געשען מיט מיר װאָס עס װיל. איך האָב דעריבער געשװיגן און בין שטיל מיטגעגאַנגען.



מיר זענען ענדלעך געקומען צו איר אין װאױנונג. דאָרט איז שױן אַלעס צוגעגרײט געװען אױף שבת. איך האָב גלײַך באַמערקט און געשפּירט געפֿעפֿערטע פֿיש, עכט ײדישלעך געקאָכט. איך האָב זיך געאײַלט און געמאַכט „קידוש". דער יין־קידוש איז געװען פּרימאַ. איך האָב געטרונקען פֿאַר די פֿיש און נאָך די פֿיש און נאָך און נאָך. דער װײַן איז װירקלעך געװען הערלעך.

די פֿרױ האָט מיך אָנגעקוקט מיט פֿאַרליבטע אױגן און האָט מיר, נאָכן עסן, אַרײַנגעשעפּטשעט מיט אַ זיסער שטימע: „הערשעלע, ענדלעך הערשעלע ביזטו צוריקגעקומען, ענדלעך..."

ערשט איצט האָב איך זיך אָנגעהױבן צוקוקן צו דער פֿרױ; זי האָט געהײסן דבורה'לע און האָט געדאַרפֿט אַלט זײַן אַ יאָר דרײַסיק. זי איז נאָר נישט געװען קײן מיאוסע, אין קעגנטײל, מען קען זאָגן אַ גאַנץ שײנע פֿרױ, זי האָט געהאַט אַ פּאָר גרױסע פֿאַרחלומטע טרױעריקע אױגן און אַ װוּנדערבאַר פֿײַן געשניצט מױל.

אײגנטלעך האָב איך איר געדאַרפֿט דאַנקבאַר זײַן. זי האָט מיר געגעבן צו טרינקען, איר עסן האָט געהאַט דעם אמתדיקן ײדישן טעם. איך האָב מיך געפֿונען אין אַ װאַרימען צימער און איך װעל קענען ענדלעך, נאָך אַ סך חדשים זיך אױסציִען און שלאָפֿן אין אַן אמתדיק בעט. איך האָב געקוקט אױף דער פֿרױ, װיס געשמײכלט און איך האָב מיך געלאָזט רופֿן „הערשעלע..."

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קינדער־שטימען האָבן מיך אױפֿגעװעקט אין דערפֿרי. דבורה'לע אַן אױסגעפּוצטע אין שבת־קלײדער, האָט מיך געװעקט און צוגעאײַלט: „שטײ־שױן אױף הערשעלע, הײַנט איז דאָך שבת, שטײ אױף! דו ביזט נאָך אַלץ געבליבן דער זעלבער „פֿױלאַטש" װי פֿריִער, שטײ אױף!"

לכתחילה איז מיר דאָס גאַנצע בילד אױסגעקומען עפּעס מאָדנע פֿרעמד; איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען, װאָס דאָ קומט פֿאָר, אָבער באַלד האָב איך מיך דערמאָנט אין מײַן אורלױב און אין דער סינדריקער סינאַגאָגע. איך האָב מיר געטראַכט: נו, גוט, הײַנט מוז איך זאָגן „בית", װײַל איך האָב נעכטן געזאָגט „אלף".

פֿאַרטיק געװאָרן, זענען מיר אַלע געגאַנגען צום דאַװנען. די פֿיר ײנגלעך: אַבֿרהם'לע, חאַצקעלע, יאַנקעלע און מענדעלע זײַנען נישט אָפּגעטרעטן פֿון מיר. זײ האָבן מיך באַװאַכט, פּונקט װי לײַטן „באַפֿעל" פֿון דבורה'לען.

אין דער סינאַגאָגע האָבן זיך װידעראַמאָל איבערגעחזרט די נעכטיקע באַגריסונגס־סצענען. אָבער דאָסמאָל בין איך שױן מער נישט געזעסן אונטערן אױװן. נאָר מען האָט מיך אַװעקגעזעצט אױבן אָן, בײַ דער סאַמע מזרח־װאַנט. דאָס איז געװען טאַקע הערשעלע'ס „שטאָט", הערשעלע, דבורה'לעס מאַן. מען האָט מיר אַרײַנגעטײלט אַ גאַנץ פֿײַנע „עליה" און בשעת'ן עולה לתורה זײַן האָט מען מיך אױפֿגערופֿן: „יעמוד רב הערשעלע בן אַבֿרהם".

מיינע פּראָטעסטן האָט שוין איצט קיינער נישט גענומען ערנסט און מיינע קעגנאַרגומענטן האָבן קיינעם נישט איבערגעצייגט...

דבורה'לע האָט פאַרמאַכט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן און שוואַרצע אויגן האָב איך שרעקלעך גערן. אַזוי איז מיר דורכגעגאַנגען דער שבת. איך מוז מודה זיין — גאַנץ אָנגענעם. איך האָב מיך אונטערגעהאַלטן מיט דבורה'לען, ווי אויך מיט די קינדערלעך. איך האָב זיך מיט זיי געשפּילט, באַזונדערס מיט דעם קליינעם צוציק, מיט דעם יינגסטן, האַרציקן מענדעלע, דאָס איז געווען אַ צאַצקעדיק יינגעלע. זיין לאַכן האָט געקלונגען פריש און אָנגענעם. ער איז געווען געראָטן פונקט אין זיין מוטער דבורה'לען.

דעם דאָזיקן שבת וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אָבער זונטיק האָב איך מיך ווידעראַמאָל דערמאָנט אין דער ווירקלעכקייט. באַלד וועלן זיך ענדיקן די אורלויב־טעג און איך האָב נאָך נישט באַזוכט מיין אמתדיקע פאַמיליע און מיינע קרובים.

דבורה'לע האָט באַמערקט מיין אומרו און האָט מיך קיינמאָל נישט איבערגעלאָזט אַליין, די מעשה האָט אָנגעהויבן ווערן געפערלעכער. איך האָב מיט דבורה'לען אָנגעצווינגען אַן ערנסטן און אַן אויפרעגנדיקן שמועס. איך האָב געוואָלט זי איבערצייגן, אַז איך, יאָסעלע, בין גאָרנישט איר מאַן הערשעלע און גאָרנישט דער טאַטע פון אירע קינדער.

זי איז דאַן געוואָרן אויפגערעגט און ווילד. אַ, פרויען קענען ווערן גרויזאַם, נאָך גרויזאַמער ווי שונאים. ענדלעך האָבן מיר ביידע באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן אונזער ענין ברענגען פאַר דעם סינדריקער רב.

ווי איך האָב נאָר אויפגעעפנט דעם רב'ס טיר, אַזוי איז ער מיר שוין אַנטקעגנגעקומען מיט אַ ברייטן: „שלום עליכם, רב הערשעלע".

מיין פרוי, אַך ניין, דבורה'לע האָט געבעך ביטער געוויינט און איך האָב געשלוכצט. אפילו דער רב האָט געווישט די אויגן! אַ סינדריקער פאַרשווערונג קעגן מיר. איך האָב דעם רב פאַרזיכערט און געשוואוירן, אַז איך בין בכלל צום ערשטן מאָל אין סינדריק, איך האָב קיינמאָל מיט דבורה'לען נישט חתונה געהאַט דעריבער בין איך אויך נישט דער טאַטע פון אירע קינדערלעך. לכתחילה האָט דער רב פּרובירט מיך איבעררייךן מיט גוטן. ער איז דאָך אַליין געווען אויף מיין חתונה. צי געדענק איך עס נישט? דען הערשעלס און דבורה'לעס חתונה איז דאָך געווען אַ יום־טוב פאַר גאַנץ סינדריק. און ווען צוערשט אַברהם'לע, שפּעטער באַציקעלע, יאַנקעלע און דאַן מענדעלע זיינען אויף דער וועלט געקומען, איז ער דאָך, דער רב, דער ערשטער געקומען צו מיר, מיר אָפּגעבן „מזל־טוב". — איך מוז דאָך דאָס אַלץ געדענקען.

און ווען אָבער איך בין געבליבן ביי מיין „ניין", אַז איך ווייס נישט פון קיין פותר חלום, — איז דער רב שטרענג געוואָרן און אַ זאָג געטאָן:

„הער דאָך אויף צו דערציילן דיינע באָבע־מעשיות! איך האָב שוין לאַנג געוואוסט, הערשעלע, אַז דו ביסט נישט קיין פרומער ייד. אָבער אַז דו זאָלסט דיך אויפפירן ווי אַ לומפּ און ווי אַ נאַסן־יונג, דאַרויף ועסטו האָב איך



מיך אויף דיר נישט געריכט..." אַלס שטראָף האָט ער מיך נישט „רב הערשעלע", נאָר פשוט „הערשעלע" גערופן, און דבורה'לען האָט ער באַרואיקט מיט פאָלגנדיקע רייד: „גייען זי אַהיים, ליבע פרוי דבורה'לע גיבן זי אַכטונג אויף אים מער ווי פריער, און בעזרת השם יתברך וועט אַלץ גוט ווערן".

און אין דער „היים" האָבן זיך ווידער איבערגעחזרט די זעלבע סצענעס. איך בין געווען פאַרצווייפלט און געזוכט צו געפינען עפּעס אַן אויסוועג פון מיין פּלאָנטער.

ווידער איז אַ טאָג אַוועק, אָבער דער זונטיק איז שוין געווען נישט אַזוי שיין ווי דער שבת.

אום גאָטעס ווילן, איך וועל נאָך ווערן אַ דעזערטער. וואָס זאָל איך דאָ מאַכן? נאָכאַמאָל אַ גרויסער קראַך, און איך און דבורה'לע זענען אַוועק צום ריכטער.

סטעפאַן, דער שטאָדטס־ריכטער, איז געווען אַ געבוירטיקער אין סינדריק, וועלכער האָט תמיד מיט די יידן געלעבט אין האַרמאָניע. ער האָט געהערט צו יענע נישט־יידן, וואָס זענען תמיד געגאַנגען אין „מקוה" אַריין, כדי צו האָבן אַ הייסע באָד. ער פּלעגט תמיד לויבן די יידישע פיש און די באָד.

„אַ גוטן טאָג אייך, פּאַני דוואָשקאַ און פּאַן הערשקאַ".

רואיק און זאַכלעך האָב איך קלאָר געלייענט די גאַנצע אָנגעלעגנהייט. אָבער דער ריכטער איז געוואָרן מלא חמה און געברומט:

„הערשקאַ, איך האָב דיך דאָך אַ סך מאָל געזען אין „באָד", אין דער שענער סינדריקער מקוה. און איך געדענק גאַנץ גוט, אַז דו האָסט אויף דער לינקער האַנט אַ מוטער־צייכן, גרויס ווי אַ „באַק". אַזוי, הערשקאַ, מיר וועלן זיך באַלד איבערצייגן".

איך האָב צוערשט אויסגעטאָן דעם קאַפּטאַן, דאַן דעם מיליטערישן מאַנטל און דערנאָך דאָס העמד. איצט טראַכט איך מיר, וועל איך אייך קענען איבערצייגן, ווער עס האָט רעכט. מיט טריאומף טראָג איך אונטער מיין נאַקעטע לינקע האַנט. איצט וועל איך שוין האָבן מנוחה און וועל צוריק געווינען מיין „פרייהייט".

אָבער, אַך, גאָט, וואָס זעען מיינע אויגן? נישט אַנדערש, דער טייוול אַליין האָט זיך דאָ אַריינגעמישט. וואַרהאַפטיק. אויף מיין לינקער האַנט האָב איך, צו מיין אייגענער שטוינונג, דערזען אַ רויטן מוטער־צייכן, גרויס ווי אַ באַק...

און דער שטאָט־ריכטער קוקט מיר כיטרע אין די אויגן און זאָגט:

„איצט, הערשקאַ, גיי שנעל אַהיים און בלייב ביי דבורה'לען, אַז נישט וועסטו האָבן צו טאָן מיט מיר און מיט די הויכע פּלעקער..."

— „איך מוז דאָך אָבער גיין צוריק צו מיין רעגימענט, צו די סאָלדאַטן"!

— „ניין" — שרייט דער ריכטער — „הערשקע איז בעת דער אַסענטירונג באַפרייט געוואָרן"...

אין דער היים האָב איך מער נישט איבערגערעדט קיין איינציק וואָרט.

וואס קען מען וויסן, וואס עס קען געשען אין דער דאזיקער וועלט פון געשעענישן און איבערקערענישן? בין איך יאסעלע אדער בין איך הערשעלע? איז אפשר, דבורה׳לע טאקע אין דער אמתן מיין פרוי? און אפשר זענען טאקע אברהם׳לע, באצקעלע, יאנקעלע און מענדעלע מיינע אייגענע קינדערלעך? אפשר, וואס קען מען וויסן? ווען מען ליבט, באהערשט מען די נערוועז, און ווען מען ליבט נישט מער, אזוי ווערט מען פון די נערוון באהערשט.

אין הגם דבורה׳לע האט געהאט שווארצע אויגן, האב איך דאך באהערשט מיינע נערוועז, קאלט און רוהיק זיין — דאס איז געווען די ערשטע באדינגונג, כדי צו קענען אוועק פון דאנען.

טאג און נאכט האט מען מיך באוואכט. מיין פרוי, דברה׳לע, די קינדער און די שכנים האבן מיך נישט אפגעלאזט פון אויג. אויך די „קרובים" האבן זיך אפט געלאזט זען, באזונדערס די מומע מירעלע און דער פעטער אירעלע זענען נישט מיד געוואָרן צו פרידיקן מאראל. זיי פלעגן קומען עטלעכע מאל א טאג. נאר אזוי „אויה א שפרונג" און דער דאזיקער „שפרונג" פלעגט דויערן שטונדן.

מירעלע פלעג מיר תמיד זאגן ביים אוועקגיין:

„נעם דיר, הערשעלע, א ביישפיל פון אירעלע".

און אירעלע פלעגט זאגן צו דבורה׳לען:

„אלץ וועט גוט ווערן. הערשעלע וועט נאך מיט דיר אזוי צופרידן זיין, ווי איך מיט מירעלען!

ענדלעך איז געקומען דער מיטוואך, דער לעצטער אורלויבסטאג; דבורה׳לע איז אוועק אין מארק איינקויפן און האט איבערגעלאזט די קינדער מיט דעם אנזאג, תמיד בלייבן מיטן טאטן. אפילו די טיר האט זי פארשלאסן.

מיין הארץ האט געקלאפט, מיינע אדערן זענען אנגעשוואלן געווארן און די שלייפן האט עס געהאמערט: היינט אדער קיינמאל נישט! אין גרויס פארצווייפלונג האב איך אויפגעריסן דאס פענצטער און בין ארויסגעשפרונגען. איך האב נאך אפילו נישט דערגרייכט דעם באדן, האב איך שוין הינטער מיך געהערט געשרייען: „טאטע", „טאטע"! און וואס פאר א שלימזל! — פאר מיר איז געשטאנען דבורה׳לע מיט דער איינקויפס טאש און געשריגן „הערשעלע". איך בין געלאפן שנעל, אין טעמפא, פאראויס, נאך מיר איז געלאפן דבורה׳לע און גאנץ סינדריק האט געהאלטן אין איין שרייען: „הערשעלע, הערשעלע, האלט אים"! הונדערטער מענטשן במעט אלע סינדריקער, האבן מיך נאכגעיאגט. איך האב געפילט, אז דער אטעם גייט מיר אויס. איך האב אבער צוזאמענגענומען אלע מיינע כוחות און בין געלאפן. איך האב געכאכט ווי א לאקאמאטיוו, געסאפעט מיט די לעצטע כחות, אבער אלץ נישט פארלוירן די האפענונג און געלאפן.

דער רב, סטעפאן דער שטאדט־דיכטער, דבורה׳לע, מירעלע, אירעלע — אלע, גאנץ סינדריק איז מיר נאכגעלאפן.

און דא, פאר א גרויסן אייזנווארג־געשעפט איז געשטאנען א קרעפטיקער



ייד. ער האט געהערט די געשרייען „האלט, האלט אים!" האט ער געכאפט א שטיק אייזן פון א 30 קילא און האט מיר דערמיט א זעץ געטאן איבערן קאפ.

* * *

דא מאך איך, ליבער לעזער, אין דער ערציילונג, איין קונסט־פויזע. געוויינטלעך פרעגט מיך תמיד עמיץ פון דער געזעלשאפט „און וואס איז געווען ווייטער?"

„האט מען אייך שווער פארוואונדעט?"

„ניי" — ענטפער איך לאנגזאם — „איך האב זיך אויפגעכאפט דא פון מיין חלום".

איצט, לעזער, פראביר אויך אמאל אין א קרייז פון פריינט די דאזיקע געשיכטע אלס „אייגנאיבערלעבעניש" איבערצודערציילן. דו וועסט האבן גענוי אזויפיל ערפאלג, ווי אלע סינדריקער, וועלכע, וואו זיי זאלן זיך נישט געפינען, געדענקען גענוי די דאזיקע אוואנטורע. פארגעס אבער נישט, פונקט ווי איך טו עס, אנצוגעבן די קוועלע און די קוועלע הייסט: סינדריק.

## א. וואטערמאן

## אין שפיטאל

ס׳לעבן שאטנט, שאטנט,
קלארקייט און ניט זיכערקייט,
דער זונס קלארע ווארעמקייט
שטייט ווארטנדיק, אטעמט איינגעהאלטן;

פרימארגנדיקער נעפל קומט שטיל, שטיל,
נאכט מיראזשן, פיזיש קלעפנדיקע,
בוואליען, כוואליען פון געפיל צו געפיל,
פאלן און צופאלן מיטן אנפאנג פון טאג.

פאמעלעך שטיל, קומט באוואוסטזיין צוריק, צוריק,
פליסט מעסיק, נאר מעסיק, ווי בלוט אין גלידער,
ווילן, ווילן אורַאלט געפיל —
האלט זיך, ווי א דערטרונקענדער אין שארף פון מעסער.

# אויף אַ בית־עולם

(סקיצע)

צווישן גוט־געפּלעגטע בלומען־בייטן, צווישן שורות אייביק־גרינע און אין פאַרשיידענע פאָרמען פאַרשיידענע ציפּרעס־ביימער, צווישן אַ ים מיט צלמים, סקולפּטורן, אויסגעמויערטע הייזקעלעך פון משפּחה־קברים מיט קאָלירטע שייבלעך, דורך וועלכע עס זעען זיך אָפּ אַרויס ווייס־געדעקטע אַלמאַרלעך מיט וואַקסענע ליכט, בילדער פון הייליקע און פאָטאָגראַפיעס פון די וועלכע רוען דאָרט זייער אייביקע רו; צווישן מיט גאָלד געקריצטע, מאַרמאָרנע קבר־דעקן, פאַרוויאַנעטע בלומענקרענץ און אָפּגעקראָכענע ווערטער אויף פאַרברודיקטע לענטע — איז געשטאַנען אַ שטאַטישער טויטן־וואָגן; עטלעכע בלויז־קעפּיקע, שוואַרץ־באַ׳מלבוש׳טע, אָפּגעהאָרעוועטע מענטשן, זענען געשטאַנען אַנגעבויגענע ביי אַ צעעפנטן קבר, און אַ שטים האָט הויל אַרויסגעשריגן פון קבר אַרויס:

— אומעגלעך! נישטאָ מער קיין אָרט!...

די פּאָר מלווים זענען געשטאַנען צעשראָקענע, שווייגנדיקע, און אַן עכאָ האָט, ווייט איבער דעם גרויסן בית־עולם, טעמפּ איבערגעחזרט דעם רוף פון קבר אַרויס: „אומעגלעך! נישטאָ מער קיין אָרט!"...

עס האָט זיך אויסגעוויזן, גלייך ווי די טויטע פון קבר וואָלטן דאָס אַרויסגעשריגן, ווי זיי וואָלטן דעם פריש־געשטאָרבענעם באין־אופן נישט געוואָלט צו זיך אַריינלאָזן...

אַן אָפּגעברוינטער, שטאַטישער בית־עולם־עלטסטער האָט עפּעס שטיל געזאָגט צו די עטלעכע באַגרעבער, וועלכע זענען, מיט שטריק און שפּאַקל געשטאַנען אַרום אַ ווייסן, פריש־געהיבלטן אָרון; זיי האָבן, אָן איין וואָרט אויסצורעדן, זיך אַראָפּגעבויגן, צוריק אויפגעהויבן דעם אָרון פון דער ערד, און אים צוריק אַריינגעשיפּט אין דעם שוואַרצן, קאַסטנדיקן וואָגן אַריין...

אַ בלאַס־פּנימדיקער באַגרעבער איז אַרויסגעקראָכן פון קבר, האָט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך אַ הילצערנעם, פאַרליימיקטן לייטער; ער האָט דעם לייטער אָנגעהאַנגען אויף זיין אַקסל, און איז געבליבן שטיין, ווי אַ נישט־פון־דער־וועלטיקער, צווישן דעם עולם... דער קוטשער, אין אַ שוואַרצן, אָפּגעבליאַקעוועטן רעקל מיט בלעכענע קנעפּ, האָט צוגעהאַקט דאָס טירל פון טויטן־וואָגן, איז פלינק אַרויפגעשפּרונגען אויף דער קעלניע, און מיט אַ געאייל, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט שוין וואָס גיכער פאַרטיק מאַכן — האָט ער גערירט אין וועג...

די מלווים, מיט צעקנייטשטע היטלעך און אָפּגעשאָבענע קאַפּעלושן אין די הענט, זענען, שווייגנדיקע, נאָכגעגאַנגען דעם לויה־וואָגן, וועלכער האָט צוריק פאַרקירעוועט אויף דער ברייטער, אַספאַלטירטער אַליע. צווישן שורות הויכע, שפּיציק־פאַרשוירענע ציפּרעסן; פיר פּאָר פערדישע קאָפּיטעס האָבן טעמפּ געקלאַפּט אויפן אַספאַלט. שלעכט־געשמירטע רעדער האָבן געסקריפּעט.



און אין די פּאָר פאַרחושכטע מלווים׳ס קעפּ האָט געקלאַפּט דאָס קול פון קבר אַרויס: „אומעגלעך! נישטאָ מער קיין אָרט!"...

דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אַריינגאַנג אין אַן אויסגעמויערטער הייל, וועלכע איז געווען ענלעך צו אַן אַראָפּגאַנג אין אַ סטאַנציע פון אַן אונטערערדישער באַן. מען האָט דאָרטן אַראָפּגעטראָגן דעם קאַסטן מיט דעם מת; און די עטלעכע מלווים, האָבן שווייגנדיקע, מיט שווערע טריט, אַראָפּגענידערט פון די ברייטע, צעמענטענע טרעפּ, נאָך דעם ווייסן אָרון, וועלכער איז קרום אַראָפּגעטראָגן געוואָרן אויף אַקסלען פון באַגרעבער...

אונטן, אין דער גראָער, צעמענטענער הייל, האָט יעדער טריט פון די אָרון־טרעגער, יעדער פוס־שטעל פון די מלווים, אָפּגעהילכט מיט טעמפּן ווידערקול, וועלכן די צעמענטענע ווענט האָבן, ווי דונערן פאַר אַ שטורעם, געפּאָלערט פון איין עק הייל צו דעם אַנדערן, און עס האָט אויסגעזען, גלייך ווי אומזעבאַרע כוחות ווערן זיך אויך דאָ, קעגן באַשטאַטן דאָ דעם נייעם בר־מינן...

די עטלעכע מלווים האָבן געשוויגן; קיינער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט; קיינער האָט דעם מת נישט באַוויינט; קיינער האָט אפילו קיין זיפץ נישט געטאָן, און עס האָט אויסגעזען, ווי די לעבעדיקע וואָלטן אפילו זייערע טריט פאַרווייבערט, כדי די יענוועלטיקע נישט צו דערצערענען.

אין אַ וואַנט מיט נומערירטע טירלעך, ענלעך ווי אַ וואַנט מיט פּאָסט־קעסטלעך אויף אַ פּאָסט־אַמט, האָט דער דיקער, אוניפאָרמירטער בית־עולם־שעף אַ גרילצנדיק טירל אויפגעשלאָסן די פיר באַגרעבער האָבן דאָרטן דעם אָרון אַריינגערוקט, און ער האָט דאָס טירל צוריק צוגעשלאָסן. די מלווים האָבן זיך פרום איבערגעצלמט, און האָבן געקליבן זיך צו פאַרלאָזן די אומהיימלעכע הייל מיט דער וואַנט נומערירטע שופלאָדן, אין וועלכע עס זענען געווען פאַרדוקט מתים, ווי קוכנס אין בעקערישע אויוונס...

אַן אַלטמעטשקע, צו דער ערד געבויגענע פרוי מיט אַ צעשאָטערטן, אָפּגעברוינטן פּנים האָט נערוועזיש געדרייט מיטן ווייסן קאָפּ האָר — זי איז געווען אומרואיק, און האָט קענטיק געזוכט אַ באַשייד צו דעם אַלעם וואָס זי האָט דאָ געזען... זי האָט זיך דערנענטערט צו דעם בית־עולם־שעף און האָט איבערגעריסן די שטילקייט אין דער הייל:

— פּאַרדאָן מ׳סיע — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערנדיקער און עטוואָס צופיל אויפגעהויבענער שטימע, וועלכע די הייל האָט נאָך מער פאַרהעכערט און קלינגנדיק ווידערגעקולט — פאַרוואָס האָט מען די אַלטע נישט באַגראָבן דאָרטן, אין דעם אָפענעם קבר?...

— ווייל עס איז נישט געווען קיין אָרט, באָבע! — האָט דער בית־עולם־שעף, דער אַלטער אַריינגעשריגן אין די אויערן...

— טאָ ווי אַזוי האָט איר דאָס פריער נישט געוווּסט?! — האָט די אַלטעטשקע אים אַ פאַרחידושטע אָנגעקוקט מיט אירע וואַסערדיקע אויגן... דאָס איז אַ זינד! — האָט זי כמעט ווי געשריגן — אַ זינד! — און די הייל האָט, מיט פאַרגרעסערטע קולות, געענטפערט: „אַ זינד! אַ זינד!"...

— מען האט געמיינט — האט זיך דער בית־עולם־שעה פאר דער אלטעטשקערס טויבלעכע אויערן פארעטנפערט — אז מען וועט יענע קאסטנס צענויפרוקן, מאכן א שטיקל ארט פאר דער אלטער. אבער עס איז געווען אוממעגלעך! כע קאמפלע! (עס איז פארפולט) — האט ער פארענדיקט...

— און וואס איז דאס פאר אן ארט וואו איר האט דעם מת געלאזן אריינרוקן? האט די אלטעטשקע מיט חשד זיך ווייטער נאכגעפרעגט...

— דאס איז א „רעפא“ (א לאנגער) כאבע! — האט דער בית־עולם־שעה שוין אביסל אן אומגעדולדיקער, געגעבן דער אלטעטשקער צו פארשטיין; און ארויסגעזאגט האט ער דאס ווארט „רעפא“ מיט אזא מין גלייכגילטיקייט, גלייך ווי דאס וואלט געווען א „רעפא“ פון אלטע שמאטעס — דארט — האט ער אריינגעשריגן אין דער אלטעטשקערס טויבלעכע אויערן אריין — וועט זי פארבלייבן ביז אירע קרובים....

— זי האט נישט קיין קרובים! — האט די אלטעטשקע איבערגעריסן...

— וועט די שטאט־פארוואלטונג אליין אדורכפירן די פארמאליטעטן, און מען וועט פאר איר באשטימען אן ארט אין אן אנדערן, שטאטישן, געמיינזאמען קבר!...

דער אלטעטשקער האט זיין ענטפער נישט באפרידיקט. זי האט דעם גורל פון איר ארעמער, עלנטער שכנה אנגעמאסטן אן זיך, און אירע, ווי מיט־ערד־אנגעפולטע, צעאקערטע פנים־קנייטשן זענען בלאס געווארן, און אירע בלאע, וואסערדיקע אויגן האבן געקוקט ווי ביי א קינד וואס זעט עפעס אן אויסטערלישע זאך און וויל זיך באשיידן... אירע ציטערנדיקע, בלאסע ליפן האבן זיך נאך געקליבן עפעס צו פרעגן, אבער דעם בית־עולם־שעה איז שוין געווען דערעסן דער גאנצער ענין, האט ער א קוק געטאן אויף זיין האנט־זייגערל און האט א זאג געטאן צום עולם:

— נו, מעסיע דאס! (דאמען און הערן) זייט אזוי גוט, איך וויל שליסן; צייט צו גיין עסן!...

— צייט צו גיין עסן! — האבן די עטלעכע באגרעבער אונטערגעכאפט זייער שעפס ווערטער — „צייט צו גיין עסן!“ — האבן געענטפערט די ווידערקולות...

די עטלעכע מלווים, וועלכע האבן זיך שווייגנדיקע צוגעהערט צום שמועס פון דער אלטעטשקער מיט דעם בית־עולם־שעה, זענען מיט שווערע, אפגעהארעוועטע טריט ארויסגעגאנגען אויף די עטלעכע צעמענטענע שטיגן; הינטער זייערע רוקנס האבן זיך זשאלוזי־טירן געריטשט און שליסלען האבן אין שלעסער געגרילצט... אלע האבן געשוויגן; בלויז די אלטעטשקע האט נישט געקענט שווייגן; עס האט אין איר געוויינט איר אייגענע עלנט, און ביי יעדן טריט וואס זי האט, מיט אירע געשטעריוועטע קאמאשן, געשטעלט אויף די צעמענטענע טרעפ — האט זי געהאלטן אין איין זיפצן:

— שיין זעט אויס דער גאנצער מענטש!... אפילו נאכן טויט איז פאר אן ארעמער שווער א שטיקל ארט צו געפינען!...



דוד זיידענפעלד

# אויפן גרויסן בויך פון ד'ערד

I

אויפן גרויסן בויך פון ד'ערד
ווינטן לאזט אייך וואוילגיין!
טראגט ארויף מיך העכער,
צום שטערן געזינדל.
אויפן וועג איינרוימען ד'לבנה
וועל איך א סוד:
כ'האב א שטיקל פרעטענציע,
א שטיקל טענה צו גאט.

II

פון ד'ביימער שפיצן אראפ
וועל איך כאפן א ווינטל.
אריינוואַרפן אין טייך.
א שפילצייג פאר די פיש.
טראגט ארויף מיך העכער,
צום שטערן רעדל.
וואו כ'וואוינט די מוזע,
דאס געטלעכע מעדל.

III

אויף חוה'ס ליפן, אין חלום,
געווען האב איך א קוש
מגולגל ווערן אין א באלעם־ליכט:
די זון —
טראגט ארויף מיך העכער
כ'וויל איר הארץ אנרירן.
פון ליכט און ליבע
אויפעפענען אלע טירן.

## איז דאָ אזא אָרט ?

איז דאָ אזא אָרט וואו אַ מענטש
האָט נאָך נישט זיין פּוס געשטעלט.
וואו פון הוה'ס ציימן בוימער שטיין ?
וואָלט איך געוואָלט
דער ערשטער זיין דאָרט צו טרעטן ;
צווישן מנחה און מעריב,
ווען דער הימל איז לויטער נאָלד,
ווען נאָט פון טאָג, און טלית־פייער,
לאָזט זיך בעטן.

ווען ביימער אויסגעפּוצט אין גאָלד,
צי דער צניעות'דיקער זון ארויף.
קוקן מיט אַ מענטשלעך אויג,
וואָלט איך געוואָלט
הערן הימלישע אָרגלען,
און רחל'ס שטיל געוויין,
צווישן מנחה און מעריב,
ווען די שעה'ן אויסגיין,
מיט געשאָכטענע גאָרגלען.

איז דאָ אזא אָרט וואו אַ פרום,
אויסגעלייטערט, טייכל דאַוונט
מנחה און מעריב מיט די שטערן ?
וואָלט איך געוואָלט
הערן אַ היימישע שטים,
פון הייליקע פאַרנאַכטן.
קוקן דאָרטן טיף אריין —
לאַנג אנשפּילען שטיל מיין צער.
און מיט בענקשאַפט זיך פאַרטראַכטן.

## אונזער אַנאָנס

יוערט אַ מיטגליד פון „פריינט פון יידיש לשון", געזעלשאַפט פאַר יידישער ליטעראַטור און קולטור ; קומט צו אונזערע „יידיש־ליטע־ראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס ; לייענט אונזער זשורנאַל „לשון און לעבן" און אַנאָנסירט אין אים.

פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע קאָמיסיע,
יהודה ביעטש



משה עובד

## מיין פּאַספּאָרט

ביסט בע'חנ'ט ?
— אזוי האָב איך געמיינט.

רעדסט זיך איין ?
— איינער ווייטער קיינער.

ניאַניע ?
— ווי ביי אַ פּאַניע.

גרויס ?
— 63 צאָל און אַ פּיצעלע בלויז.

ברייט ?
— פון זייט צו זייט.

קאָליר פון הויט ?
— לעבעדיק רויט, בלאַס טויט.

צאָן־ווייטאַג ?
— נאָך דאָס דאַרף איך ניטיק !

סמנים ?
— סמנים־נאַראַנים.

באַשעפטיקונג ?
— לויט דער שטימונג.

ליבסט קאָמפּלימענטן ?
— הונדערט פּראָצענטן.

ליבסט קריטיק ?
— אויב ס'איז גוט.

און אויב שלעכט ?
— שלאָף איך נישט נעכט.

קאפעליוש ?
— אן א באנד.

פאלק ?
— אן א לאנד.

שיך ?
— נישט פאר זיך.

נאציאנאליטעט ?
— נאטוראליזירטער פאעט.

וויזע ?
— מזוזה.

און אלגעמיין די לאגע ?
— א שיינע פראגע !

האסט א גאט ?
— דארט.

פארוואס נישט דא א גאט ?
— ער האט נישט קיין שיך
און נישט קיין פאספארט.

— אוי ! טא לויף קויף צוויי שיך.
— און נאדיר דיין פאספארט :
איינעם פאר זיך
און איינעם פאר גאט.

## קאמאשן און טאשן

איך האב נאך נישט געהאט קאמאשן,
זיי זאלן מיך צופרידן שטעלן...
און נאך נישט געהאט טאשן
זיי זאלן פון שענקייט נישט קוועלן.



מיינע עטלעכע אונצוואנציק טאשן,
זיינען וועלט־בארימטע הולטייעס.
פון אלע וועלט־טיילן זיי פערצוקן און נאשן,
פון דעם פייגעלע שיינקייט, ווי ווילדע חיות.

און פאר וועמען טוען זיי דאס ?
פאר וועמען שלינגען זיי איין אזא שיינע וועלט ?
— פאר זייער הונגעריקן בעל־הבית —
ער זאל נישט שטארבן פון מיאוסקייט — קעלט.

זיי ווייסן, אז צו שיינקייט מיין הארץ קלאפט.
צו שיינהייט מיינע פיס טרעטן טריט ;
זיי האבן מיין נשמה טיף דערטאפט
זיי ווייסן נאך וואס עס בעט א ייד.

ביי לייטן איז צו די טאשן, אז אך און ווי !
עטלעכע און צוואנציק ווילדערנישן,
אפילו א ווינד בלאזט נישט אין זיי.
זיי אמאל איבערציפרישן.

שטאפט מען זיי איז עס מיט בריוו פון מענאכן,
און פאר טאשן־גנבים אביסל געלט.
מיט הצאות ביבלעך, נאטיצבלעך און פאפיראסן
בשעת זיי חלשן נאך שיינהייט א וועלט.

דעריבער זענען מיינע טאשן און מיר פארליבטע,
שטיקן זיך, שוואנגערנדיק מיט פרייד !
זיי גייען פשוט אויס פארליבטע־באטריבטע !
קלימפערנדיק און שטילערהייט.

דעריבער זענען מיינע קאמאשן אייפערזיכטיק,
זיי האבן מיך ביז צו דערטריקן פיינט,
זיי קוועטשן און קווטשן — ווען און וואו ? — נישט וויכטיק !
אויף אלע שריט און טריט, פון קינדוויז ביז היינט.

לעא קעניג

# אלעמענס שלום עליכם

## א פאר שטריכן

איך גלויב ניט אז מען קען שלום עליכמ'ען באצייכענען אלס א ביי־לינגוויסטישן, צוויי־שפראכן שרייבער ווי מען קען, און מען דארף אפשר, באצייכענען אזעלכע שרייבער ווי מענדעלע מוכר ספרים, דובנאוו, סאקאלאוו, פרץ, פרישמאן, ביאליק און נאך אייניקע פון אונזערע מאדערנע נאציאנאלע און פאלקס־שרייבער.

כאטש שלום עליכם, ווי ס'איז באקאנט, האט אנגעפאנגען זיין שריי־בערישע קאריערע מיט קארעספאנדענצן, מאמרים אין די העברעאישע „המליץ" און „הצפירה" און האט אפילו אפאר קליינע ספורים נעדרוקט אין העברעאישע אויסגאבן, אבער פונדעסטוועגן האלט איך אז מען קען אים ניט באצייכענען אלס צוויי־שפראכיקן שרייבער ווי מען קען עס די ערשט דער־מאנטע בארימטע שרייבער אונזערע:

מענדעלע מוכר ספרים איז געווען, קען מען זאגן, ג ל י י ך שעפעריש אין אונזערע ביידע שפראכן: ער האט ניט נור זיך אליין איבערזעצט אין העברעאיש — ער האט זיך „איבערגעשאפן" אין דער שפראך; דער בארימ־טער „מענדעלע נוסח" איז קלאסיש אין העברעאיש ווי אין יידיש, און ער איז דער „ויידע" פון אונזערע ביידע מאדערנע נאציאנאלע ליטעראטורן.

דובנאוו איז גלייך ווערטפול — רובנאוו — אין העברעאיש, יידיש (און רוסיש).

פרץ איז געווען אפשר מער דאס וואס ווערט אנגערופן „יידישיסט" ווי שלום עליכם, אבער דאס וועניקע, וואס ער האט געשריבן אין העברעאיש איז געווען — פרץ, רייפער און כאראקטעריסטישער פרץ.

סאקאלאוו איז געווען גלייך „אין דער היים" אין ביידע שפראכן. אזוי אויך פרישמאן. און ביאליקס עטלעכע יידישע לידער און זיינע איבערדיכ־טונגען אין יידיש פון יהודה הלוי'ס „ים לידער" ווי פון זיין אייגענער „משא נמירוב" — זיינען פערמאנענטע ווערטן אין דער יידישער ליטעראטור.

שלום עליכם ווידער, דער אמתער כאראקטעריסטישער שלום עליכם, האט זיך אבער אינגאנצן און נור, קען מען זאגן, געפינען אויסגעדריקט און אויס־געזינגען אין דער פאלקס־שפראך; און זיינע ערשטע העברעאישע „פרי עט" האבן גלויב איך, היסטארישע א ביאגראפישע און ביבליאגראפישע ווערט, כאטש מען קען, פארשטעט זיך, אין זיי שוין געפינען סמנים פונם צוקונפטיקן גרויסן הומאריסט ——

און שלום עליכם, ווי סאיז באוואוסט, איז געווען א ציוניסט: ער האט אנגעשריבן א פאפולערע בראשורע „נאך וואס דארפן יידן א לאנד?" איבער־געזעצט אויך אין רוסיש. ער האט גרויס ליבשאפט און יראת הכבוד געהאט



פאר דער העברעאישער שפראך; און ס'איז באקאנט זיין „והעליתם את עצמותי" זיין האפנונג איבער וועט צו ווערן אין דער העברעאישער שפראך.

צום גליק פאר דער העברעאישער ליטעראטור האט ער געפינען זיין גע־טרייען און פראכטפולן איבערזעצער אין י. ד. בערקאוויטש (זיין איידעם). און פריהער האבן אים אויך איבערזעצט ברענער און קרניאל...

שלום עליכמס „ביינער" זיינען שוין אין עטלעכע בעסערע איבערגע־טראגן געווארן אין דער העברעאישער שפראך.

שלום עליכמס ווערק זיינען שוין לאנג „פארזאמעלט אין פאלק". שלום עליכם געהער שוין לאנג צו אלע יידן. ער איז גלייך פאפולער און באליבט אין רוסלאנד און אין א"י, און וואו נור יידן לעבן צו פרובן לעבן א יידיש לעבן.

ב.

איך ווייס ניט צו מען קען נאך אויף וועמען פון אונזערע שרייבער ווי אויף אונזער שלום עליכמ'ן זאגן, אז ער איז געווען א „געבוירענער שרייבער":

ער האט נארניט פארשטאנען, ווי ער האט זיך אמאל אויסגעדריקט „ווי אזוי מען שרייבט עס ניט".

„ווי ער האט נור דערזען א שטיק גלאט פאפיר, האט זיך עס אים גע־גלוסט פארשרייבן". אין זיינע אויטאביאגראפישע נאטיצן, דערציילט שלום עליכם, אז „ער קאן שרייבן צו יעדער צייט, אויף יעדן ארט און ביי אלערליי אומשטענדן: אין סאלאן, אין קיך, אין וואגאן, אין רעסטאראן אפילו פאדערנ־דיק אויף א איזוואזשציק (א דראזשקע) און אפילו ליגנדיק אין בעט".

„שלום עליכם, שרייבט בערקאוויטש, פלעגט וועגן זיך אליין דערציילן, אז דער ערשטער חשק צום שרייבן איז אים געקומען דערפון וואס ער האט ניט געקאנט גלייכגילטיק צוזען ווייס־גלאט פאפיר — ער האט עס געמוזט פארשרייבן".

עפעס סטיכישעס איז דא אין זיין שרייבן. א מעין הנובע איז שלום עליכם. ניט שטענדיג אין פולער לויטערקייט. אבער אן אויפהער קוועלנדיס און אנקוועלנדיק. אין דעם פרט דערמאנט ער דיקענסן.

ער האט גארניט געקאנט פארשטיין „ווי אזוי מען שרייבט עס ניט".

ג.

שלום עליכם איז ניט געווען קיין „קאבינעט שרייבער". אפילו דאכט זיך ניט, קיין „שרייב־טיש שרייבער".

שלום עליכם איז אפשר דער איינציקער און זיכער דער ערשטער וואס האט אריינגעבראכט לופט אין דער ליטעראטור. ניט נור לופט־מענטש, דאס האבן אויך אנדערע געטאן, נור מאכע אויך לופט, ווינט, גאט... שלום עליכם איז געווען א „פלען־עריסט".

מענדעלע מוכר ספרים האט באשריבן זיינע וואנדערונגען אין בויה, די

„מסעות פון בנימין השלישי”, און פּושקעס ארומשלעפּענישן בײם שרײב־טיש, אין זײן שרײב־קאבינעט: ער האט זיך מיט זײ געצאצקעט, ער האט זײ סטיליזירט... אויך דעם לאנדשאפט װאס מענדעלע האט אים אזוי „פאר־יידישט” האט ער געמאָלט אין שטוב. —

שלום עליכם װידער, װאס מענדעלע האט גלײך דערקענט אז „אין אים רינט זײן אײגן בלוט”, האט געשריבן און באשריבן זײנע העלדן װאו ער האט זײ געפינען, מיט און אין דער לופט מיט װעלכער זײ האבן געעטעמט... אפילו זיצנדיק בײם שרײב־טיש איז שלום עליכם געװען מיט זײנע „טיפּן” אין גאס, אין פעלד, װאו זײ זײנען געװען... אויף דער יעהופּיצער בערזע, אויף די דאטשעס אין בױבעריק... ערגעץ אויף א „ליפט” אין ניו־יארק...

ב.

אין זײנע אויטאביאגראפישע נאטיצן זאגט שלום עליכם װעגן זיך אלײן:

„לויט דער פארשידענארטיקײט פון די פּיזשעטן אין די ערצײלונגען פון שלום־עליכם, דארף מען ארויסזען די פארשידענארטיקע באשעפטיגונגען פונם מחבר, װעלכער איז איבערגעגעבן אי א סוחר, אי א בערזע־האז, אי א קאַזיאָנער ראבינער, אי א קאמיסיאָנער, אי א לערער. אי א אגענט פון לעבנס־פארזיכערונגען — און װאס ניט?” —

און שלום עליכם האט זײנע אלע טיפּן און פּיזשעטן, געמאָלט, באשריבן אין זײער שפראך, און ניט פון אױבן אראפּ, נור װי אײנער פון זײ מיט א געזונטער, פּשוטער, מענטשלעכער פּערספּעקטיװע — דער מקור פון זײן הומאר.

שוין דער פּסעװדאנים װאס שלום ראבינאװיטש האט זיך אויסגעקליבן, באראקטעריזירט אויסגעצײכנט שלום עליכם'ס הומאר: שלום עליכם־פרײדן צו אײך: פאלט ניט ארײן אין מרה שחורה — סוף כל סוף זײנען מיר ײדן מענטשן װי אלע מענטשן, מיט די זעלבע השגה'לעך, קאפּ־דרעהעניַשן, הארץ־װײטאגן קינדעשע ארומדרײעניַשן און טרערן... און װען איר לײענט שלום עליכם'ען אטעמט איר מיט לופט און לעבן און ניט סתם מיט ליטעראטור.

און איר לאכט. און עס לאכט זיך אפילו איצט, לײענדיק שלום עליכם... עפּעס טאקע װי מיר װאלטן ניט געװען עפּעס א מין באזונדער גלות־פאלק, נור א פאלק צו פעלער קלײך, מיט אײגענע פעלדער, װעלדער.

שיער נישט װי א פאלק מיט א אײגן לאנד.



א. נ. שטענצל

## נעפל...

(אין ערינערונג צום 24־טן 12־טן פאר ע.)

I

נישט בוים, מיט שטרעקנדיקע צװײגן,
האט בלומען געשטריקט אויף הימלישן בלוי,
אין א לײדיקן פארלאזטן „אױג”
ארײנהעפּטנדיק א פּערעלע טוי, —

זומער־פײגעלעך, זיך פאנגענדיק,
װיגן די זיבעטע זאפטן דערפון!
און דאס קונציקסטע פונם געשטריק —
קנאספּענדיקע רויז אינמיטן די זון;

נישט שטראַקן־געפלאָכטער אין דער לופט,
אנפליענדיק מיט שװאלבן און מיט צװײט —
זיך אײנפּערעמדיקע נערעלעך,
טרעפן אין די לעבעלעך פונקט אין דער מיט;

פון פלאטערדיק סוף־זומער־פארעס
האט א נעץ געשפּונען רויזיקע שפין,
און מיר בײדע, אויסגעװײנענע,
די געפאנגענע פליגעלעך דערין — — —

II

א קנויל װאל, א גרױ־צעװיקלטער,
אין פלינקן קײקל אהין און צוריק
פון אײנדרימלדיקע מידע הענט
ארויסגעפאלן, מיטן אין געשטריק.

און דאס לעצטע נאך דערכאפּטע „אױג”,
װאס פארציט זיך שמאל און זשמירעט צוזאם
אויף שפּיזל שטאל־צעגלאנצט — ס'איז די זון,
א הענגענגעבליבענע אויף שפּיז שטאם —

פון װינקל מיט פינקלדיקן בליק,
משאטעט שוין װינקנדיק די שװארצע נאכט,
העציש־ליבלעך א שפּיל זיך צו טון,
אײדער דער מיד־דרימלדיקער דערװאכט — —

מיט איר וואנסלדיק פלינקן געשטריק,
מיט איר שווארץ־קונציקן עקל־געבויג,
א לאנגע נאכט אדורך זיך יאגן,
כאפן דאס „אראפגעלאזענע אויג" — —

III

איבערן גריבל פון מיין הארצן
וויקלט עס זיך שווער־אטעמדיק און פויל,
ביז צו מיין מינדסטן פינגער פיל איך'ס,
דאס הארץ מיינס איז דאס קניפל פונם קנויל.

א, פון באלקן אראפ, פונם האק,
קניפט ער זיך אזא דיקער פעטלע שטריק,
אראפצופאלן און צעברעכן — —
נישט צו דערכאפן שוין מיט לעצטן בליק — —

אויף א גרוי פארפלאנטערטער קנויל וואל?
אויף א פארמוטשעטן געכאפטן ראַיִן?
טשאטעט פון אלע וויקלען ארויס
א שווארץ צעגלאנצטע שווערבייכיקע קאץ — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
דער פינסטערער פלאנטער־געדריוול,
דער פארקאלטעוועטער בלינדער געפענט — — —
און אזעלכע נעכט פלעגט מיין מאמע
אראפוויקלען דעם קנויל פון מיינע הענט.

## אין הייליקן שיין א הייליקער קרייז
(א באלאדע אזא לכבוד חנוכה)

א שוואַרסמאַטוע מיט זיבציק הענט
אנידערגעשטעלט מיטן א טעמפל;
אז עכט ס'איז יעדע האנט, פון ריינעם גאלד,
אויף יעטווידער איינגעבראכט דעם סטעמפל.

אין הייליקן שיין א הייליקער קרייז,
הייליק געוועב אינמיטן געהעקל,
נאר א זייטיקע, זי, ארום איר בליק
אזא טרויעריקער און שמאלצער עקל —



פאר מיליאנען זייער רעכט נישט געטון,
א טויט־טויט וועבן הענט און וועבן!
נאר אירע בליקן, אויפגעהויבענע,
איבערן קרייז אריבער זיי שוועבן.

זוכן זיי אין פארגאנגענע דורות,
אדער פאר איר גליק די גאנסטע שטייען?
א שוואַרסמאַטוע מיט זיבציק הענט,
בליקן, פארגליווערטע, איבערגייען — — —

ווען זי האט מיך גרויס אזוי אנגעקוקט,
מיט אירע שווארצע איילבירטן אויגן,
האבן זיך מיינע מיט טרערן פארקוועטשט,
און איך האב דעם קאפ אראפגעבויגן.

דעם אויסגעברענטן נומער אויף איר האנט
האב איך געזוכט מיט ציטער פון ליבן,
אז מיט דעם קוש אויף איר כ'זאל פארהילבן,
מיין פלוצלימדיק זיך וועלן צעבליבן.

ס'איז קיין נומער נישט געווען און קיין האנט — — —
א ווייל ביז מיין קאפ כ'האב אויפגעהויבן!
און מיינע טרערן זיינען געווען
אנגעצינדענע און פול מיט גלייבן:

אז פון אויסגעקוועטשטן ביסל בוימאייל,
אין א פאר'חתמ'עטן קריגעלע געפונען,
א ליכט פאר דור־דורות אנגעצונדן — —
פאר דער אייביקייט ליכטיקע זונען,

ווען דאך אויפגיין שוין איבער נאַרער וועלט — — —
האב איך מיט פארקוועטשטער ליפ פארצויגן,
ווען זי האט נאך אלץ גרויס אזוי געקוקט
מיט אירע צייטיקע איילבירטע אויגן,

און איז דען נישט דאס גרעסטע נקמה,
אזוי הייליק אויפהאלטן צו קענען — —
אראפגעלאזט פארשעמט איך האב מיין בליק;
דערווען אין איר'ן דאס קאלטע ברענען — — —

ניִשט קיין האנט — א שלאנקן אייבערדטן־צווייג,
בליענדיק כ'האב אין מיינע געהאלטן,
און ווי דער כהן גדול אין טעמפל,
איר בליק פאר'חתמ'עט אין הארץ באהאלטן — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
א שיוואַרץ־שטאטוע מיט זיבציק הענט,
הייליק געוועב מיטן אין געהעקל,
און מיליאנען, הייליקע, פארקוילטע,
צייכענען דערויף דעם „מנא־תקל".

## הערשל פאליאנקער*

### דער מיליאנער
(דערציילונג)

באַטש דאָס דאָרף וויִשנאַראַרד, וואָס געפינט זיך אונטער דער שטאָט קיעוו איז ניִשט זער גרויס, נאָר פּרוּאווט דאָ געפינען לייב לאָדמירסקין דעם פאָרזיצער פון קאָלווירט? היגע לייט ווייסן גוט, אז תמיד קאָן מען אים טרעפן וואו איז אין פעלד, אין די גערטנער. ווען מען דאַרף אים האָבן וועגן א דרינגענדן ענין, קאָן מען אים א זיינער פיר — פינף פארטאָג טרעפן אין קאנטאָר, — שפּעטער, איז אָן איבעריקער גאנג. ער איז שוין אין פעלד אין די ברינאַרעס. און בפרט נאָך איצט, בשעת היי־שניט, ערב זשניווא, ווען יעדער מינוט איז אזוי טייער...

לייב ליודמירסקי איז א רואיקער. באַשיידענער מענטש. רעדט פּאַמעלעך, געלאַסן, דאָס וואָרט איז ביי אים וואַגיק און קורץ. ער הערט שטענדיק אויס א מענטש מיט קאָפּ, מיט אכטונג, ענטפערט ניִשט גלאַט אין דער וועלט אריין, באַטראַכט פריער די זאַך. ער הויבט קיינמאָל ניִשט אויף דאָס קול, קינד און קייט אַכטעט און האָט שטאַרק ליב אין אָט דעם אוקראַאינישן דאָרף ווישנאַראַר לייב ליודמירסקין.

אַז אים הויבט זיך דאָ ניִשט אָן קיין שמחה, קיין חתונה, קיין יום־טוב. אז ער איז ניִשטאָ אין דאָרף, וועט מען צו קיין צווייטן ניִשט גיין זיך האַלטן אַן עצה. און ער ווייסט טאַקע, וואָס בא יעדן איינעם קאָכט זיך, אים פאַר־טרויט מען אַלע סודות. אין יעדער שטוב איז ער דער סאַמע געוואונטשענער נאַסט....

הייַנטיקן זומטיק האָב איך לייב ליודמירסקין אָפּגעזוכט. כ'האָב אים גע־טראָפן בא אים אויפן הויף. וואָס איז פאַרוואַלגערט מיט סלופּעס, ברעטער,

* צוגעשיקט פון מאסקווע.



לוים, ציגל. ער איז געשטאַנען מיט דער האַק א ברייטפּלייציקער, שמאַלטנער יידישער פּויער און געטעשעט א קלאָץ. דאָס ברייטע פּנים פאַרברוינט פון דער זון און פון די ווינטן. ער בויט א נייע שטוב פאַר זיך און פאַר זיין גרוי־סער משפּחה. באַנאַנד, עטוואָס אין אין דער זייט פון דער בויאונג קאָנט איר נאָך זען א באַרג אַש, וואָס איז באַוואַקסן מיט ווילדגראָז — דאָ־אָ בויט זיך איצט לייב ליודמירסקי א נייע באַטע, זי וועט זיין גערוימער און שענער פון דער אַלטער, פאַרברענטער שטוב.

היינט זיינען צו אים געקומען עטלעכע גוטע ברידער, שכנים, ווער מיט א האַק, ווער מיט א זאַסטעפּ און יעדער איינציקער העלפט עפּעס טאָן לייב'ס הויז זאָל גיכער פאַרטיק ווערן. און די אַרבעט גייט גאַנץ פריילעך. אזוי איז דאָ איינגעפירט, אז איינער העלפט דעם צווייטן בויען די שטוב. און אזוי קומט דאָס דאָרף ווידער צו זיך, נעמט אָפּ זיך אַרויף א נייע הויט. פאַר דער מלחמה איז דאָ געווען 900 הויפן, קנאַפּע 700 האָבן די דייטשישע קילער פאַרברענט, איצט פאַרהיילט מען די וואונד.

ס'איז יולי. האַלבער טאָג. היים. פונעם דניעפּער דערטראָגט זיך אַהער פון מאָל צו מאָל א מחיה'דיק ווינטל, וואָס פרישט אָפּ די נשמה. ווישנאַראַר איז אַרומגערינגלט פון דריי זייטן מיטן באַקאַנטן פּושטשע־וואָדיצער סאָסנע־וואַלד. די געסלעך און באַטעס האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די בונטע צווייגן פון ווייַנשל־סעדער. איר גייט און איבער אייער קאָפּ הענגען אַראָפּ צווייגן מיט רויטע, זאַפטיקע, מחיה'דיקע ווייַנשל קאַרשן. וואוהין איר וועט ניִשט א וואָרף טאָן דעם בליק, וועט איר זען קוסטעס מיט רויטע ווײַמפּערלעך, אַגרעסן, טשערניקעס... קנאַפּע 4 טויזנט העקטאַר ערד פאַרמאָגט אָט די ווירט־שאַפט, 60 העקטאַר סאַד, אָן א שיעור גערטנער. יעדן נאָנצפרי, נאָך איידער די הענער צעקרייען זיך, איידער די זון גייט אויף, ציען זיך אַוועק באַרג אַרויף קיין קיעוו גאַנצע אַבאָזן מיט פורלעך און אויטאָמאָבילן, געפּאַקטע מיט גרויסע קוישן ווייַנשל, ווײַמפּערלעך, אַגרעסן, אוגערקעס, קאַרטאָפל, מערן, גרינס, מילך, פּוטער און וואָס א מויל רעדט אויס. און אין שטאָט ווייסט מען שוין, וואָס פאַר א פירמע — דאָס פאַרט דער ווישנאַראַרער קאָלווירט. מיט אים גרייסט מען זיך אין אוקראַאינע. פאַר דער מלחמה איז דאָס געווען דער רייכסטער קאָלווירט, א מיליאָנער. די דייטשן האָבן דאָ אַלץ פאַרברענט, פאַרניכטעט, צערויבט. אומגעבראַכט, געהאַנגען א סך פּויערים. איצט קומט דער קאָלווירט צוביסלעך ווידער צו זיך. דער עולם האָט זיך גענומען מיט לייב און לעבן צו דער אַרבעט. כדי אומקערן דעם קאָלווירט זיין אַמאָליקן שם. ער מוז ווידער אונגאַנצן ווערן א מיליאָנער. ווידער איז איצט דער קאָלווירט „נאָווישליאַך" צווישן די ערשטע און בעסטע אין קיעווער געגנט. זיין ווירט־שאַפט, די פערמעס וואַקסן שנעל.

לייב ליודמירסקי רעדט אזוי פּראָסט און פאַרליבט וועגן זיין גרויסער ווירטשאַפט, וועגן דעם פּי און מאַשינעס, וועגן מענטשן און שולן און פאַר איד וואַקסט אויס א גלענצנדער טיפּ פון א יידישן מוזשיק, אַן אָרגאַניזאַטאָר.

אַן האָרעפּאַשניק, וואָס איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן זיין זאַך, וואָס מען האָט אים פאַרטרויט.

אין דעם, ווי אַט דער ברייטפּלייציקער, פעסטער, פערציק־יאָריקער מענטש שפּאַנט איבער זיין ערד אָנגעטאָן אין אַ פּאָר גרויסע שטעק־שיך, דאָס רעקל אויף די אַקסלען, דאָס היטל, מיט וועלכן ער איז געקומען פון פראָנט עטוואָס אויף אַ זייט, דערקענט איר גלייך פון וואָס פאַר אַ שטאָט דער מענטש איז ס'איז פון טוביה דעם מילכיקערס שטאַם. טוביה'ס אַן אייניקל, נישט אַנדערש.

אפשר האָט מען דעם אַלטן אַרויסגעשיקט פּונקט פון אַזאַ דאָרף, וואו זיין אייניקל, לייב ליודמירסקי איז געבוירן געוואָרן, געוואַקסן, און איצט געוואָרן דער סאַמע בכבודיקער מענטש!

ניט ווייט פון דעם דאָרף ווישגאָראָד, אינגאַנצן עטלעכע קילאָמעטער, אויך אויפן דניעפּער־ברעג געפינט זיך ליודמירסקיס געבורט־אָרט, דאָס דאָרף נײַ פּעטראָווקע. אין דעם דאָרף האָט געוווינט זיין עלטער־זיידע, דער זיידע, דער טאַטע, ער. העכער הונדערט צוואַנציק יידישע משפּחות האָבן זיך אין דעם דאָרף באַזעצט מיט אַ סך — אַ סך יאָרן צוריק, געאַרבעט בײַ דער ערד, פאַרפלאַנצט סעדער, גערטנער, געשטעלט הייזער, קאַלאַניעס. פרילינג פלעגט מען גיין מיט אַקערס באַאַרבעטן די ערד און זומער מיט קאָסעס געשניטן די ברויטן. אָסיען און זומער פלעגן זיי אַרבעטן שוסטעריי און שניידעריי, באַשוכן און אָנטאָן מיט מלבושים די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. מען האָט געוווינט מיט די שכנים ליטיש און פיין, געגאַנגען איינער צום אַנדערן אין געסט, זיך משדך געווען, צוזאַמען איבערגעטראָגן ליידן און פרייד.

נאָר אין 1919־טן יאָר האָט זיך ווי אַ כמאַרע אָנגערוקט די באַנדע פונעם רוצח סטרוק. מען איז אַכזריותדיק אָנגעפאַלן אויף די יידישע הייזער אין דאָרף. די יידישע בחורים האָבן גענומען העק און הראַבליעס, פרענטעס און זאַסטעפּעס און ס'איז אַוועק אַן אומגעוויינלעכער געשלעג מיט די באַוואָפנטע באַנדיטן. בלוט האָט זיך געגאָסן. לאַנג האָט געדויערט דער געשלעג. די באַנדיטן זיינען געווען פיל מאָל מער אין צאָל, גוט באַוואָפנט מיט קוילנוואַרפער. האַרמאַטן און דערשטיקט דעם ווידערשטאַנד. העכער הונדערט יידן, אַלטע מענטשן, פרויען, קינדער האָבן די באַנדיטן אַוועקגעזעצט אויף אַ שיף אָפּגעפירט אינמיטן דניעפּער און צוזאַמען מיט די מענטשן דערטרונקען. לייב ליודמירסקי מיט זיין משפּחה האָט זיך דורך אַ נס געראַטעוועט. דער דרייצן־יאָריקער בחור איז אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, געגאַנגען נעמען נקמה אין די באַנדיטן און שונאים פון דער סאָוועטן־מאַכט. ערשט אין 1934־טן יאָר האָט זיך ליודמירסקי אומגעקערט פון דער מיליטערישער דינסט. אין די מקומות האָט אים געקאַנט קינד און קייט. אויף זייער פאַרזאַמלונג האָבן די קאָלווירטניקעס פון קאָלווירט „נאָווי־שליאַך" אין ווישגאָראָד אים אויסגעוויילט פאַר זייער פאַרזיצער. דער פריער אָפּגעשטאַנענער אַרטעל איז געוואָרן אינגיכן נישט צו דערקענען. די מילך־פאַרמע איז אויסגעוואַקסן ביז 200



בהמות, ס'איז צוגעקומען 1000 שאָף, העכער 100 אָקסן, 200 פערד. דער קאָלווירט איז מיט יעדן יאָר רייכער געוואָרן, ביז ער איז געוואָרן אַ מיליאָנער. לייב ליודמירסקי איז ערב דער מלחמה געווען אַן אַנטיילנעמער פון דער באַקאַנטער אַלפאַרבאַנדישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג אין מאָסקווע און באַקומען אַ גרויסן זילבערנעם מעדאַל.

נאָר אָט איז אָנגעקומען אַ נייער אומגליק, די מלחמה. לייב האָט עוואַקוירט פון קאָלווירט וואָס ס'האָט זיך געלאָזט און אַליין אַוועק אויפן פראָנט. אויך אויפן פראָנט האָט ער זיך אויסגעצייכנט, ווי אַן איבערגעגעבענער סאָלדאַט, פאַרטיידיקט די לעגענדאַרע שטאָט לענינגראַד. אין די שווערע שלאַכטן איז לייב שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. מען האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל, וואו ער איז אָפּגעלעגן עטלעכע חדשים. מער אויפן פראָנט האָט ער זיך נישט געקאָנט אומקערן צוליב די וואונדן און אַוועקגעפאָרן קיין סיביר אין אַ דאָרף. אויך דאָ האָט מען גלייך באַמערקט אָט דעם טעטיקן מענטשן־טוער און די קאָלווירטניקעס פון מאַרינער קאָלווירט „בודיאָנע" האָבן לייבן אויסגעוויילט אַלס פאַרזיצער פון קאָלווירט. אויך דאָ האָט ער זיך גענומען מיט לייב און לעבן צו דער אַרבעט.

צוויי זין האָט ער אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט. זיי זיינען געגאַנגען נעמען נקמה אין די דייטשע באַנדיטן פאַרן פאָטער, פאַרן צעבראָכענעם לעבן, פאַר דער באַרודפטער און באַרויבטער אוקראַינע.

אינגיכן איז דערגאַנגען אַ שווערע ידיעה, לייב'ס עלטערער זון איז העלדיש געפאַלן אין שלאַכט... די דייטשן האָבן אויפגעהאַנגען אין דאָרף ווישגאָראָד דער פרוים ברידער און פריינט, דערפאַר וואָס זיי האָבן אַ פריינט אַ יידן און אַ פאַרזיצער פון קאָלווירט.

ווען אוקראַינע איז באַפרייט געוואָרן פון די דייטשן האָבן די פּויערים פון ווישגאָראָד אָנגעהויבן פאַרשיטן מיט בריוו ליודמירסקין ער זאָל זיך גיכער אומקערן אַהיים. אַז די קאָלווירטניקעס פון „בודיאָנע" האָבן זיך דערוואוסט, אַז די פּויערים פון „נאָווי שליאַך" פאָדערן מען זאָל זיי אומקערן זייער פאַרזיצער, איז דאָ געוואָרן אַ טומל און אַ רעש. — מען וועט לייב'ן ניט אָפּלאָזן. — האָבן אַלע געטענהט אין איין קול. נאָר מען האָט פאַרשטאַנען, אַז אומגעהויער גרויס איז זיין בענקשאַפט אַהיים, קיין אוקראַינע, מיט ווייטיק אין האַרצן האָט מען זיך געזעגנט מיט אָט דעם טייערן מענטשן אין דעם ווייטן סיבירער דערפל.

ניקיפאָר פּעטראָוויטש לוקאַני, דער עלטסטער מענטש אין דאָרף און מיטגליד פון פאַרוואַלטונג האָט אין נאָמען פון גאַנצן עולם געזאָגט ליודמירסקין:

— האָסט אונדז ערלעך געדינט, לייבקאַ. אַ גרויסן דאַנק דיר! מיר וועלן דיך נישט פאַרגעסן. איצט באַגלייטן מיר דיך אַהיים, קיין אוקראַינע. דיין דאָרף איז פאַרברענט, רואינירט. זאָג ניט אָפּ און נעם צו פאַרן קאָלווירט

ריינעם אונדזער באַשיידענע מתנה 30 בהמות און אָקסן. גיב איבער אונדזער האַרציקן גרוס דעם מיליאָנער, אַלע קאָלווירטניקעס!

מיט כבוד האָט מען אַרויסבאַגלייט ליודמירסקין, מיט פרייד האָבן אים באַגעגנט אַלע אין ווישנאַראַד. מען האָט געיוליעט, גענומען לחיים לכבוד לייבן און אויף מאָרגן איז ער שוין געווען אין פעלד, בײַ דער אַרבעט. און קינד און קייט, באַגעגענדיק אים האָבן זיך נידעריק גענייגט, אַראָפּגענומען די היטלעך. פון יענע טעג איז אַוועק אַ סך צייט.

— ...די זון הייבט אָן פאַרגיין און באַגילדעט מיט אירע שטראַלן דעם כוואַליקן איבערפלאַך פונעם אַלטן דניעפּער. ס'איז נאָך נישט געפאַלן די היץ, און דאָס דאָרף, וואָס האָט זיך איינגעהילט אינעם מחיה'קן שאָטן פון די ווײַנשל־פּערער איז איינגעהילט אין רו, אין אַ מין טייערער פייערלעכקייט. ליודמירסקי מיט זיינע שכנים און פריינט האָבן שוין פאַרענדיקט דעקן דעם דאַך פון דער נייער כאַטע. איצט וועט דער רעגן, וואָס קאָן באַנאַכט אַ נאָס טאָן, — ניט שאַטן. דער אָרט שמעקט מיט כאָסנאָווע ברעטער און מיט סמאָלע.

מיר גייען מיט דער סטעזשקע, וואָס שלענגלט זיך אינעם בונטן ווייץ און סאַד, וועלכן דער באַלעבאָס האָט מיט פיל יאָרן פאַרפלאַנצט. אויסגעבאַוועט. מיר ליגן זיך אַוועק און ציען זיך אויס אינעם הויכן שמעקנדיקן גראָז, וואָס שיכורט מיט זיינע וואונדערלעכע ריחות. צווייגן, באַשאָטענע מיט גרויסע זאַפטיקע ווײַנשל, מאַרעלן, קאַרשן הענגען אַראָפּ איבערן קאָפּ, און איר קאָנט זיי אָנכאַפּן מיטן מויל, הנאה האָבן, דערקוויקן די נשמה. ערגעץ פונעם דניעפּער־ברעג דערטראָגט זיך אַהער אַ ווייטער און צערטלעכער געזאַנג. אָט קומט אָן אַ גאַנצע באַליאַסטרע יום־טובדיק פאַרפּוצטע דאָרפישע יוגנט, מיידלעך און יונגען, נאָר וואָס געקומענע פון פראָנט. זיי קומען אַהער, ווי די ווײַנשל־צווייגן האָבן געשאַפן אַ גאַנצן טונעל, אונדז באַהאַלטן פון דער בייזער זון, דער ערשטער שפּאַנט אַ פאַרברוינטער, געזונטער יונג ליודמירסקי. לייבס יונגער בענאַק, וואָס האָט זיך ניט לאַנג דעמאָביליזירט. זיין העמדל איז באַהאָנגען מיט עטלעכע שלאַכט־מעדאַלן. עמעצער האָט אַהער געבראַכט אַ פּאַטעפאָן אַ וועקגעשטעלט אַ פּלאַט פון אַ צאַרטער אוקראַיִנישער ליד. און דערנאָך האָט ליודמירסקיס פרוי, אַ פערציקיאָריק חנעוודיק ווייבל, אַוועקגעשטעלט אַ ייִדישע פּלאַטע און איבערן אָרום האָט אַ שוועב געטאָן אַזאַ מחיהדיקער ייִדישער ניגון, מען קאָן שווערן, אַז די ליד האָבן, דאַכט זיך, געזונגען אַמאָל אין אַזאַ דאָרף טוביה דער מילכיקערס טעכטער אין די שטילע פאַרנאַכטן.

אַלע מענטשן, וואָס זיינען דאָ געווען לעבן מיר, האָבן אינטערגעכאַפּט דעם ניגון פון דער וואונדערלעכער, צאַרטער ייִדישער ליד, וואָס מען האָט עטלעכע שווערע יאָר פון דייטשער אָקופּאַציע נישט געהערט אָט דאָ אויפן אוראַלטן דניעפּער־טייך.

יולי, ווישנאַראַד, קיעווער געגנט.



נחום שטענצל

## ברויט און הייון?

ברויט איז גוט און הייון אויך. דער חילוק איז בלויז, אַז ברויט קען מען אויך עסן אָן הייון, הגם עס איז נישט אַזוי געשמאַק; אָבער פאַרקערט, הייון אַליין האָט קיין טעם נישט — עס מאַכט נאָר ב'טעמ'ט דאָס ברויט.

עס זענען פאַראַנען אַ גאַנצע ריי אַנדערע זאַכן, ע"פּ רוב געווירצן, זאַלץ, פעפער און בכלל שאַרפע זאַכן, וואָס אַ קליינטשיק ביסעלע דערפון, אָדער בלויז איין טראָפּן אפילו, איז עלול צוצוגעבן אַזאַ געשמאַק, אָדער ביינגעשמאַק צו גוטע מאכלים, וואָס אָן דעם טראָפּן, וואָלטן זיי עס נישט געהאַט. ס'איז דאָס וואונדערלעכע פון דער טבע, אַז די זאַכן דערגענצן זיך אַזוי — אויב מ'ווייס געניי די מאָס און פּראָפּאָרציע פון מישן איינס מיטן אַנדערן — און אַז די זעלבע זאַך, וואָס איז ביטער, זויער, זאַלציק און נישט צו געניסן, קען אַ מישהו צוגעבן דעם בעסטן טעם צו אַן אַנדערער זאַך.

* * *

דער טעם דערפון איז אָבער אַ גאַנץ פּשוטער. צווישן די צוויי זאַכן איז בלויז פאַראַנען אַ דיספּראָפּאָרציע פון קוואַנטיטעט און קוואַליטעט; די איינע זאַך איז אין אַ קאָנצענטרירטער אָדער קאָנדענסירטער פאָרם, בשעת דאָס אַנדערע איז אין אַ ליזער; ס'איז בלויז אַ כעמישע פאָרמולע פון איכות מיט כמות.

* * *

פון תבואה קען מען מאַכן פריש געשמאַק ברויט — און אויך קאָנצענטרירט אַלקאָהאָל, ביער און אפילו ריינעם 96־ער ספּיריטוס — און אויך הייון, בכדי ווידער צו מאַכן געשמאַק דאָס פרישע ברויט...

אַזוי מאָדנע און וואונדערבאַר דרייט זיך דאָס רעדל פון דער נאַטור; דווקא דאָס, וואָס איז שוין אין אַ צושטאַנד פון פאַרפוילונג און אויפלעזונג, וואָס איז אינם פּראָצעס פון איבערגיין צו אַן אַנדערער פאָרם, האָט אין זיך די כּחות און פּאָטענצן פון צוגעבן דעם אמתדיקן טעם און געשמאַק צו דער פרישער זאַך...

און צווישנגעשמועסט, איז דאָך דער גאַנצער פּראָצעס פון רעפּראָדוקציע אין דער נאַטור, פון זאָמען און שפּראָצונג צו נײַ לעבן, אַ פאַרפוילונגס־פּראָצעס פונם פאַרגייענדיקן צו באַנייטן לעבן.

* * *

אין גלות זענען מיר ייִדן געוואָרן דאָס הייון פאַר די אַנדערע פעלקער'ס ברויט. מיר האָבן כסדר געדינט אַלס אַן אויפּערונגס־פּראָצעס פאַרן פרישן ברויט פון די אַנדערע פעלקער; האָט דען נישט דער טרייעריק־באַרימטער ענגלישער פאַרטיידיקער פונם בעלזענער נאַצי־קאָמענדאַנט, קראַמער, מאַיאָר ווינוואָוד, אונדז אָנגערופן „דער אָפּשוים פון דעם געטאָ"? איז דען הייון עפּעס אַנדערש, ווי דער אָפּשוים און אָפּזאַץ פון ביער, וואָס איז אין דער אמתן, אויך אַ קאָנצענטראַט פון תבואה?

דאָס גרויסע נס פון אונזער קיום אינם 2000 יעריקן גלות איז דאָך נאָר א דאנק דעם שטענדיק פריש־דערהאַלטענעם „לחם־הפּנים“ וואָס מיר האָבן אוועקגעלייגט אין א זייט און עס אָפּגעהיטן ווי דעם אַפּל פון אויג; וואָס מיר האָבן קיינעם דאָרט אהין נישט דערלאָזן; דאָס לחם הפּנים איז ביי אונז אין אַלע גלותן, געלעגן אין א אָפּגעשלאָסענעם, לופט־דיכטן פּלאַץ, וואָס האָט אַזוי־אַרומעט עס שטענדיק דערהאַלטן פריש.

* * *

א גרויס לאָך איז אויסגעהאַקט געוואָרן מיטן שונא׳ס שווערד אין אָט דעם לופט־דיכטן ווינקל וואו עס פלעגט ליגן באַהאַלטן אונזער „לחם־הפּנים“. די סכנה איז איצט אַן אמתדיקע. און איצט מוזן מיר שוין, ממש מיטן לעבן האָבן אַן אייגן שטיקל ערד, וואו מיר קענען וואַקסן אונזער אייגענע תבואה פאַר פריש ברויט, און צונוצן אונזער אייגן היזון פאַר אונזער אייגן ברויט — נישט פאַר יענעמס׳ווענן תמיד.

אויף אייגענעם שטיקל באָדן טיילט זיך איין פּראָדוקציע און רעפּראָדוקציע אויף א נאַטירלעכן געזונטן אופן; ברויט און היזון לויט דער געהעריקער פּראָפּאָרציע.

אין גלות קענען מיר זיין בלויז היזון פאַר יענעמ׳ס ברויט, ווייל די ערד איז נישט אונזערע, זי איז א פרעמדע. און זיי, די אומות־העולם ווילן שטענדיק נאָר א קליין ביסעלע היזון, נישט קיין סך. זיי ווילן זיך נישט פאַריערן זייער טייג, פאַרזאַלצן אָדער פאַרפעפערן זייערע מאכלים. זיי ברויכן שטענדיק נאָר א קאַפּעטשקע, א טראָפּן. ס׳איבריקע גיסן זיי אוועק ווי וואַסער — הגם ביי אונז איז עס בלוט!

* * *

מיר קענען האָבן ברויט, ממש, און אויך „לחם־הפּנים“, אין אונזער אייגן לאַנד, אונזער ערד; דאָרט וועט אונזער לחם־הפּנים נישט ברויכן צו זיין, ווי אין גלות, אין אַן אָפּגעשלאָסענעם, לופט־דיכטן פּלאַץ; עס וועט קענען ליגן אין דער אָפענער, פרישער לופט; פריי פאַר איטלעכן, ווייל דאָרט קענען מיר אַליין אַקערן, פאַרזייען און שניידן די תבואה יעדן פרילינג און יעדן הערבסט — נאָר אויף אַן אייגן שטיקל ערד קענען מיר זיין זיכער מיטן „הזורעים בדמעה ברינה יקצורו“ — אז מ׳האַלט אין איין הלוך־ילך׳ן איז בלויז — ובכה... געוויין.

אַז אַן אייגענער קיום וועלן מיר בלויז אָפּזאָגן; — היזון צו פאַרזויערן א גייסטלאָזן טייג, אים צוצוגעבן א ביסל טעם; בלויז א נוצלעכע זאַך פאַרן ברויט, וועלכעס איז סוף כל סוף דער עיקר. דאַקעגן די טרערן און שווייס וואָס פאַלן אויף אַן אייגן פיצעלע ערד ציען הערפון אַרויס פריש ברויט — היונת, אינם אמתן זין פון וואָרט.

דער „בזיעת אפיך“ און „הזורעים בדמעה“ — אויב זיי באַנעצן אייגענעם באָדן — ווערט ערשט דעמאָלט מקוים דער „תאכל לחם“ און „ברינה יקצורו“ — אַנשטאָט היזון, אפּזאַץ און אפּשוים — זאַנגען מיט געזאַנגען...



# פייגעלע אינפעלד *)

## „מיין פאָטערס טויט“

(צו זיין זיבן יעריקן יאָרצייט — פין זכרון)

פינף טרויעריקע וואָכן זיינען פאַרביי פון דעם מוראדיקן טאָג, ווען די דייטשן האָבן באַזעצט די שטאָט לאָדזש. פינף וואָכן פון כסדרדיקער שרעק און ערוואַרטונג. פיל פון די שטאָט איינוואוינער זיינען אוועק טיפער אין לאַנד און אין די פּראָווינצן מיינענדיק, אז אהין וועט דער שונא נית דערגרייכן און סוועט דאָרט זיין רואיקער.

צווישן די געבליבענע שטאָט־לייט צעטראָגן זיך פאַרשידענע אומרואיקע קלאַנגען, ספּעציעל צווישן די יידן הערשט גרויסע פאַרצווייפלונג. אין הויפּטצענטער פון לאָדזש טאָרן מער קיין יידן וואוינען. זיי טאָרן אפילו נית דורכגיין די הויפּ־גאַס.

דורכגייער יידן ווערן איינגעהאַלטן דורך דייטשן אין די פאַרשידנסטע טיילן פון שטאָט און ווערן דורך זיי צו אַרבעט געפירט. אַרבעט — זיי ווערן מער געמוטשעט און געשלאָגן ביז בלוט, אַלץ אַרבעטן. עטלעכע פרומע יידן (ספּעציעלע טיפּן) ווערן אויסגעשטעלט צו שאַנד און צו שפּאָט. מען צווינגט זיי זיך אוועקשטעלן אין מיטן מאַרק און אַרומגערינגלט פון א מאַסע דייטשן און פאָליאַקן, קראַצן זיך די בערד און פאות. און אזעלכע פאָזעס כאַפּן זיי אַראָפּ די אויסגעלאַכטע און שיקן דערנאָך די פאָטאָגראַפיעס אין די היטלער יוגנט־היימען.

אַנדערע יידן צווינגען זיי אינמיטן גאַס אויסצוטון די ציצית און מיט אייגענע הענט הענגען אויף צלמים פון קריסטלעכע קלויסטערס. אויך ביי די צערעמאָניעס ווערט נית ווייניק יידיש בלוט פאַרגאָסן. דער זכר פון די יידישע שולן און בתי מדרשים זיינען געבליבן — גרוזעס. אַזוי ווי דער פּוילישער רענקמאַל פון קאָשטשושקי זיינען די יידישע הייליקייטן פאַרניכטעט געוואָרן און איפּגעריסן פון דינאַמיט, וועלכן די דייטשן (אפשר אויך פאָליאַקן) האָבן אונטערגעלייגט.

די לעצטע צוויי וואָכן באַניצן זיי נאָך א נייערן פאָרטל. יעדן טאָג שיקן זיי צו אין אַנדערע ראָיאָנען אויפפאָדערונגען צוזאַרגנם פרי זיך צו מעלדן אויף א געוויסן אַרבעטס פּלאַץ. פון דעם קען שוין קיינער נית ניצל ווערן, ווי דעם, וואָס איז נית אין געהעריקן טערמין אויפן באַשטימטן אַרבעטספּלאַץ. עס ווערט גענוי קאָנטראָלירט, פאַרשריבן און געשטעמפּלט ווער עס איז דאָ און ווער עס פעלט. דאָס שליסט אָבער נית אויס, אז די וואָס קומען געהאַרזאַם הערן אין אונטן צוריק מיט אונטערגעהאַקטע זייטן און צעשפּאָלטענע קעפּ...

דאָס לעבן ווערט וואָס אַמאָל שווערער. פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער דרייען

---

*) א געראַטעוועט קינד פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וועלכע לעבט יעצט מיט אונז דאָ אין לאָנדאָן.

זיך ארום ארבעטסלאז .דער עיקר יידישע געשעפטן זיינען פארזיגלט. אממערסטן ליידט דער ארבעטער־קלאס. עס פארשווינדן פון זייערע קעשענעס די לעצטע פאר גראשן און ס'איז ניטא פון וואו צו נעמען אויף א שטיקל ברויט, נאך וועלכן מען מוז שטיין אין דער ריי פון האלבער נאכט. אויך די שפייז־זאפאסן וועלן אין קורצן זיך ענדיקן. וואו געפינט מען אן אויסוועג?

מיין יונגערער ברודער — אליה און דער פאטער האבן באשלאסן זיך איינצופערעמען אין גורל. איינשטעלנדיק ס'לעבן זיינען זיי אלע טאג אוועק פאר אנדערע ארבעטן, פאר וואס די פארטרעטענע האבן זיי באצאלט: קיין סטאבילער פרייז איז ניט געווען. יעדערער האט געצאלט לויט דעם ווי זיין פארשטאנד האט דערלויבט. פארשטענדלעך, אז די אויסגעלייזטע יידן זיינען געווען רייכע יידלעך מיט פעטע בייכלעך, וועלכע האבן דערקלערט, אז די אויסלייזער זיינען שליחים פון גאטס גנאד און אנדערש האט עס גאר ניט געקענט זיין....

איינמאל אין א הארבטיקן אוונט, ס'גאנצע הויזגעזינד איז פארזאמלט ארום טיש — בלויז דעם פאטערס שטול שטייט נאך ליידיק. קיינער הויבט ניט אן צו עסן — אלע ווארטן אויף אים.

איך ווענד זיך א טרויעריקע צו דער מוטער: מאמע, שטענדיק קומט דער טאטע פרי אהיים, פארוואס מוזן מיר היינט אזוי לאנג ווארטן?

אלע זיצן שטיל און אומרואיק. כ'באקום קיין ענטפער אויף מיין פראגע. די מאמע שטעלט זיך אויף גייט צו צו דער קיך און פארעט זיך ביי די פריש־שמעקנדיקע מאכלים. די באבע נעמט דעם זאק ווידער צום שטריקן, לייגט דאך גלייך אוועק. זי קען ניט — אירע הענט ציטערן. דער עלטערער ברודער פארמאכט ס'בוך פארלייגט איין פוס אויפן צווייטן, פארזשמורעט די אויגן און פארטראכט זיך. דער יונגערער ברודער, וואס איז שוין מיט א שעה צוריק געקומען פון זיין ארבעטס־פלאץ שטעלט זיך אוועק ביים פענצטער און באטראכט יעדן דורכגייער.

מיר געפעלט ניט דאס מאנאטאנע שווייגן און ערנסטקייט וואס פארשטארקט זיך יעדער ווייל. מיין לעבעדיקע נאטור פארערט לוסטיקייט און פרייעלעכקייט ווי אלע טאג אפילו אין די ערגסטע באדינגונגען. איך פיל אז אזא אטמאספערע קען זיך אריינניסן ווידער אין שטוב ווען די טיר וועט זיך עפענען און... אט עפענט זיך לאנגזאם די טיר און פאמעלעך קומט אריין דער פאטער. ער בלייבט שטיין אין טיר א בלאסער און קוים האלטנדיק זיך אויף די פיס. מיר דוכט זיך, אז ער האט זיך א סך פארענדערט פון נעכטן ביז היינט: די האר זיינע זיינען איצט גרויע, דאס פנים — בלאסער און דארער, די קנייטשן אין שטערן — טיפער און דער רוקן איינגעבויגענער.

מיט שרעק לויפן מיר צו אים צו און זעצן אים צום טיש. איך זע ווי אלע איבריקע באטראכטן, ניט וועלנדיק קיינער זאל עס באמערקן, דעם פאטער. ענדלעך הייבן אן זעקס לעפל צו וואנדערן פון טעלער צום מויל און פון מויל צוריק צום טעלער. ניט פיל פון דעם שמעקעדיקן עסן ווערט אראפגעשלונגען.



דער טאטע ניט דערצו א לעק. א שמעק און לייגט צוריק אוועק דעם לעפל. זיין האנט פאלט אראפ אומעטטיק, זיין מויל שעפטשעט:

רכאטשע, מאך מיר, ביטע, דאס בעט. דערדער דרייען זיך אין מיין קאפ. ציטערן מיינע פיס און עס דריקט מיך זייער דער מאגן.

די מאמע פילט גלייך אויס זיין בקשה. אט ליגט ער שוין אין בעט און שלאפט. איין ברודער איז אוועק נאך א דאקטאר. אלע שטעלן זיך ביים בעט און ווארטן אויף זייער אנקום. שפעט אין אוונט זיינען זיי ערשט געקומען. דער ברודער זאגט אויפן אויער דער באבען: ער איז געזעסן ביי א טאליע קארטן און כאטש דער'הרג'ע אים, ניט געוואלט זיך רירן פון ארט. וואס איך האב אים אריינגערעדט קוים געלנגען צו געווינען זיין נשמה.

ביים אוועקגיין האט דער דאקטאר געזאגט עפעס אומפארשטענדלעכעס דער מאמען. נאך דעם זעלבן אוונט האט מיך די מאמע אוועקגעפירט צו איר שוועסטער לייטשע און מיך ביי איר געלאזן. ערשט אין זיבן טעג ארום איז זי נאך מיר צוריקגעקומען דערציילנדיק דער מומען:

היינט צוויי א זייגער האט מען אים אוועקגעפירט אין שפיטאל. ער האט בסדר די פאר טעג צוריקגעקערט ריין וואסער. די דאקטוירים זאגן, אז פון די שלעכטע עסנס האבן זיינע קישקעס זיך פארדרייט. ער האט ניט געהאט קיין חשק אוועקצוגיין פון דער היים. ער האט געוויינט. געוואלט זיך כאטש מיטן מיידעלע געזעגענען. די ערשטע נאכט וועט ביי אים וואך האלטן מיינע א פריינדין: ענגעל.

צומארגנס פארטאג, נאך דעם געשפרעך, ווען דער זייגער אויף דער וואנט האט אויסגעשלאגן האלב־זעקס האט זיך דערהערט א קלאפ אין דער שויב, ווי א וויכער לויפט די מאמע אראפ פון בעט און צו צום פענצטער. עפענענדיק דאס פענצטער רייסט זיך ביי איר ארויס א געשריי צו אונז געוויינט: קינדער איר האט מער קיין פאטער!

אין שטוב טראגט זיך פונאנדער א ביטער געוויין. ביים פענצטער ארומגערינגלט פון דער נאכט שטייט די קראנקן־שוועסטער, ענגעל. זי באמיט זיך צו בארואיקן דער מאמען און ווענדט זיך צו דער מוטער מיט די ווערטער:

ראבטשע, דיין מאן איז בעסער. ער האט געהאט אן אפעראציע. ער וויל זיך איצט זען מיט דער פרוי און די קינדער, צו דעם בין איך געקומען. ער האט מיך געבעטן.

די מאמע גלויבט ניט אירע רייד. די אומעטיקע און אראפגעלאזטע אויגן פון איר חברה'טע האבן מער דערציילט פון איר מאנס גורל, ווי דאס מויל פון דער קראנקן־שוועסטער וואס שטייט אונטערן פענצטער. אירע געפילן האבן זי ניט אפגענארט. אין א שעה ארום ווען מיר זיינען געשטאנען פארן שפיטאל, האט דער וועכטער געמאלדן, אז בעריש אינפעלד ליגט שוין צוויי שעה טויט און איז שוין איבערגעפירט געווארן אין קיל־שטיבל.

— וואס האב איך הייסט דאס מער קיין פאטער? בין איך צו עלף יאר שוין א יתומה אן א טאטן? קען דען דאס זיין? נעכטן ערשט האט ער דאך געלעבט און היינט שוין נישט?

א שווערער שטיין דריקט אויף מיין האַרץ. איך טוליע מיין קעפּל צו דער מאַמעס ברוסט, וויינען קען איך נים, כאָטש איך זע ווי אַלע ארום יאָמערן.

אָבער אַ זיינער האָט מען אונז ערשט אריינגעלאָזט צום טויטן טאַטן, מיט אַן אָפן מויל און אָפענע אויגן איז ער געלעגן אויף דעם שטיינערנעם דיל. זיין געזיכט איז שוין געווען ווי ליים — קאַלט און געל. ס׳גאַנצע קערפּער איז געווען פאַרדעקט מיטט אַ גרויס שוואַרץ טוך.

יעדערן פון אונז האָבן באַדעקט כוואַליעס פון טרערן. יעדער פון אונז האָט געפילט אַ גוט פאַרהוילבאַרן וואונד אין האַרצן. אויף דער מאַמען האָט דער טויט פון איר מאַן, געווירקט צום שטאַרקסטן. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד נעבן אים, באַפרייט זיין פּנים פונם שוואַרצן טוך און נאָך לענגערן באַטראַכטן יעדער ריס באַזונדער האָט זי פּעסט איינגעשלאָסן אירע ליפּן אין זיינע. קוים מיר האָבן זי אוועקגענומען פון דאָרט.

אין אוונט, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון בית־עולם האָב איך צום ערשטן מאָל באַמערקט און דערפילט, אַז גרויס איז די וועלט — אָבער ענג דאָס לעבן, כאָטש די זון שיינט — וואַרעמט זי ניט אַלע.

דעם פאָטערס טויט איז פאַר מיר געווען אַ פילאָסאָפישער קלאַפּ. ערשטנס, האָב איך דאַן צום ערשטן מאָל דערפילט דעם וויטיק פון אַ יתומה, פון אַן אָוועקרייסן אַ שטיק פלייש פון מיין לייב. צווייטנס, זיינען שוין דאַן צעקלאַפּט און צעיאָגט געוואָרן מיינע קינדערישע וואָרגלאָזע געדאַנקען.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון מיין גרויסער לעבנס־טראַגעדיע. מיין פאָטער איז געווען דער ערשטער קרבן פון אונזער צאָליקער פאַמיליע אין לאָדזש. דאָס איז געווען צוויי חדשים נאָכן קריג־אויסברוך צווישן פּוילן און דייטשלאַנד — דעם 2־טן נאָוועמבער 1939.

מיין פאָטערס טויט דאַרף ניט פאַר די חשובע לייענער זיין בלויז זכרונות וועגן אַ פאָטערס טויט נאָר אַ סימבאָל פון דעם אָנהייב פון מענטשלעכע פּיין אין די, הורך דייטשלאַנד, פאַרנומענע געביטן....

פאָטער! דיין געשטאַלט איז אויף אייביק איינגעקריצט אין מיין זכרון. שטענדיק וועל איך לעבן מיט זכרונות וועגן דיר און דיין קבר באַנעצן מיט טרערן, כאָטש פון דערווייטנס.

כבוד דיין אָנדענק!

„אין זכות פון די טעג“ 3/6
„אין הדר אריין“ 5/-
פון
משה עובד
צו באַקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1
עפּענטלעכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי



## יובילעאומס
## „לשון און לעבן“

אַזוי ווי ס׳איז דאָך היינט אַ שטיקל יום־טוב, און דוקא אַדריימאָל נענאַרעגטער, — ווי דער „ליבער לעזער“ וועט עס ווייטער זען, — און אַז „כטוב לב המלך“ איז דאָך „נכנס יין“, וועל איך אייך טאַקע דערציילן אַ סוד, אַז דער „זשורנאַל“ „לשון און לעבן“ איז אַפילו נישט קיין „העפטל“. ווי עס האָט זיך אין די ערשטע יאָרן „קונה שם געווען“ — עס איז דער ביולעטין פון „די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס“! און די אַלע 64 געדרוקטע ווייטלעך מיט „שאַפּינגען פון פּראָפּעסיאָנעלע און נישט פּראָפעסיאָנעלע“ זיינען נאָר די שער־בלעטער, די „חילע“, כביכול, פאַר דעם צום סוף זיך אָנאָנהירנדיקע „מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס“.

רעג זיך נישט אויף „מיין ליבער לעזער“, „ועל יהי הדבר קל בעיניך“; איז דען נישט דער גאַנצער קהלת געשריבן געוואָרן פאַרן לעצטן פּסוק „סוף דבר הכל נשמע“?...

און יעצט אַז מיר זיינען שוין אַרויס מיטן פּסוק, איך מיין, מיט די אַלע גענזן־פּיסלעך וועלן מיר זיך זעצן צו דער סעודה.

פאַר 3 יאָר צוריק, אין דעצעמבער 1942 איז דערשינען דאָס לעצטע „מלחמה־פּאַעזיע העפטל, נומער 29 „נס חנוכה“, — דעצעמבער 1942 איז שוין געווען נאָך דעם סטאַלינגראַד נצחון און די ראָמעל־מפּלה. — (אַפּנים, פּאָעזיע האָט דאָך אַ שטיקעלע אינסטינקט פאַר סטראַטעגיע; דאָס וואָרט „אינטויציע“ האָבן מיר דעמלט איבערגעלאָזן פאַר די מלחמה פירער...) יאַנואַר 1943 איז שוין דערשינען דאָס ערשטע געמיישטע העפטל, מיט אַ נייער צייט רעכענונג. —

דער ליבער לעזער וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך נעברויך דאָס וואָכנדיקע וואָרט צייט רעכענונג, נישט דעם מאָנומענטאַלן אָנאָ אַזוי און אַזוי, וועלכעס וואָלט זיך אַ סך בעסער אריינגעפּאַסט אינמיטן פון אונזער שמחה, ווייל מיט דעם פאַרמיל וואָס מיר נעברויכן ווילן מיר אייך פאַרמולירן אַ געוויסן צייט־אָפּשניט, נישט נאָר פון אויסערלעכע, נאָר אויך פון אינערלעכע קאַמפן; דאָס וואָרט צייט־רעכענונג, זאָל סימבאָליזירן אונזער רעכענונג פון דעמלט מיט דער „צייט“ ווי דער ליבער לעזער וועט דאָס ווייטער לעזן.

דאָס הייסט, אַז דער הייגטיקער חודש איז נישט נאָר, אַ סכום פון גאַנצע 12 חדשים, פונם דערשיינען פון אונזער זשורנאַל „לשון און לעבן“, נאָר ס׳איז אויך 3 יאָר פונם סיום פון די מלחמה פּאַעזיע העפטלעך (צוויי פּאַעזיע העפטלעך, נומער 30 און 31 זיינען שפּעטער דערשינען און צוגעגעבן געוואָרן ווי עקסטרע ביילאַגעס...), און 3 יאָר פונם פּאַקטישן אָנהויב פונם זשורנאַל. (פאַרלירט נישט דעם קאָפּ ליבער לעזער, מיר, דעם רעדאַקטאָר אַליין, דרייט ער זיך שוין פון די אַלע נע׳3׳טע ציפערן...)

בכדי אָבער די מלחמה צו קענען געווינען, און זי בעענדיקן בכי טוב, האָט מען נישט געטאָרט אַרויסגעבן דעם זשורנאַל, — דאָס האָט ווידער גע־

האט צו טון מיט געוויסע מלחמה־סטראטעגישע סודות. וועלכעס איז נאך גאר נישט געוויס, אויב מ׳קאן זיי ארויסגעבן — האט מען זיך גענומען דער־וויילע קונה שם זיין, כ׳מיין משנה שם זיין.

נו? ועט יעצט איין דער ליבער לעזער, אז איך בין טאקע כשר גערעכט. אז דער היינטיקער יום טוב איז טאקע א דריי־גארנדיקער, פונקט אזוי וועט ער, דער ליבער לעזער באלד איינזען, אז אין אונזער פאל האבן מיר לגמרי גאר נישט צו טון מיט א זשורנאל, מיט א „זשורנאלטשיק", צי מיט א פעריאדיקל, נאר מיט א פיל חשובערן און וויכטיקערן ענין און אביעקט. מיר האבן צו טון מיט א ביולעטין. נאר דאס און וועגן דעם, אין קומענדיקן קאפיטל.

באמערקונג פון רעדאקציע

ביים ס״ף פונם ערשטן געלונגענעם און אינטערעסאנטן קאפיטל זיינען מיר מודיע אונזער ליבן לעזער דעם נאך מער געלונגענעם און אינטערעסאנטן איינפאל. אז פון היינט אָן און ווייטער וועט דער ליבע ראמאן „לשון און לעבן" געדרוקט ווערן מיט פארטזעצונגען פאלקט. און בכדי עס זאל ווערן נאך מער אינטערעסאנטער און נאכמער געלונגענער, וועלן מיר עס געבן מיט גאנץ קורצע שטיקלעך. וועט דער ליבער לעזער האבן פון וואס צו לעקן די פינגער. אבער בעיקר ווי א רעדאקטאר, האב איך א מיין מיט דעם אנהייבן צו דרוקן דעם ווייער געלונגענעם און אינטערעסאנטן ליבעס ראמאן אין אונזער זייער חשובן און וויכטיקן זשורנאל, איך האב גארנישט אזוי אין זין דעם ליבן לעזער (ווייס איך וואס קיי און שפיי, א שילינג א חודש!) ווי, די רעקלאמעס און די אנאנסן־געבער. די גרויסע סוחרים און פאבריקאנטן, אז זיי, באגייסטערט פון דעם „ליבע ראמאן" א.א.וו. זאלן זיי אנפילן אלע 64 זייטן פון אונזער שער־בלאט, „הילע", כביכול, צו אונזער ביולעטין פאר אונזערע „יידיש ליטעראריישע שבת נאכמיטאגס.

דער שעף רעדאקטאר

## א יאר „אויפבוי" אין אויסטראליע —

אויב נאך יארן שווערע מאטערניש און עס שטייט אונזער „זשורנאל. אונזער לשון און אונזער לעבן דא, נאך אלץ אויף משקולות, — ווי יענע וואג־שאל אויפן הימל א ירידה, אויף וועלכער מ׳מוז רק אלץ ארויפווארפן, א פארבליטיקטע מסירת נפש־נאדל... א קדוש השם־ קאפל.. אדער א ביסעלע ארץ־ישראל־ערד... און די פאר מענטשן וואס שטייען ארום דער ארבעט, שטייען נאך אלץ ארום, ווי ארום אקונצן־מאכער אין מארק צו כאפן פון אים התלהבות, און אריינצווארפן אים אינם טעלער אריין א דיקן צענער; — פרייט עס אונז צו זען, צווישן די צונעשיקטע זשורנאלן (די „צוקונפט" האלט עס נאך אונטער איר כבוד, צוצושיקן א טויש־עקזעמפליאר איר), נאכדעם ווי מיר שיקן איר צו אונזער נומער מדי חודש בחדשו, די גאנצע זיבן יאר. זאל



עס כאטש דא נאטירט ווערן! די רעדאקציע „לשון און לעבן" האט נאך נישט קיין נאטיר־ביורא...) דעם יובילעאום־נומער „אויפבוי", א זשורנאל וועלכער דערשיינט שוין איבער א יאר, רעגלמעסיק, אין מעלבורן, אויסטראליע, און ווי עס זעט אויס, פונם צוזאמענשטעל פון די מיטארבעטער, דארטיקע יישבים און געראטעוועטע פליטים א חבריא אויף וועלכער מ׳קאן זיך פארלאזן, מיט א גרויסע ליבע צו יידיש און מיט אחריות פאר קולטור און געזעלשאפט־לעכקייט; בלויז צו דערמאנען נאר צוויי נעמען, הערש בערגנער און י. ראפאפארט. און ועל כולם פרייט אונז צו זען, אז דער „פארזיצער פון ארויס־געבער קאמיטעט" ל. פונק האט א געזונטן חוש פאר געזעלשאפטלעכע און געשעפטלעכע ענינים, אזוי אז דער יסוד פאר דעם זשורנאל שטייט נישט אויף קיין פארגליווערטע געזונטע פיסעלעך.

מיר באגריסן די חברים אין מעלבורן צו זייער וויכטיקער קולטור־טעטי־קייט אין גייסטיקן אנשטרענג; אייער ארבעט דארט שטארקט דא אונזערע — עס איז „כמים לפנים הפנים"!.

## יעקב גלאטשטיין א בן חמשים

אין א גאר גרויסע שמחה איז געווען ביי אינז. לעזענדיק אין „געצעלטן" נומער 9־10, אז יעקב גלאטשטיין, דער יונגסטער פון אונזערע יונגסטע, ווייל דער גייסטער אין דער כסדר זיך אלץ באנייטער, — איז גע־ווארן א בן חמשים.

ווען און וואו? אט האב איך דאך ערשט יעצט אנגעהייבן הערן פון גלאטשטיינען! אט האט זיך מיר געדאכט, אז ער ווי יענער וואונדער־פויגל פעניקס אקארשט ארויס פון אונזערע פלאמען....

אזוי שטיל אז א יונגער פאעט זאל זיין און מער גאר נישט פון זיך צו לאזן הערן, נאר אט־א דאס. אז ער האט גרוים טאלאנט ——— איז דאס נישט קיין נייעס אין אונזער יונגער בלאטטרע ליטעראטור?

עפעס הויבט זיך שוין אן צו האלטן פון אמעריטשקע, אז מ׳קאן אזוי אויסהאלטן, שטיל און באשיידן און ארבעטנדיק און אויף איינמאל, האצקים פלאצקים — א בן חמשים!

צופעליק איז מיר פאר א קורצער צייט צוריק געקומען אין האנט אריין יעקב גלאטשטיינס בוך „ווען יאש". (איז געפארן, צי געקומען? מיר דא זיינען אין דעם פרט ערגער אפ פון די געהאלטענע אין די קאצעט־לאגערן; זיי שיקט מען כאטש צו א בוך!) יעדעס זייטל לייענענדיק איז מיר ליכטיק געווארן אין די אויגן; עפעס אזא נייקייט האט ארויס געשיינט פון יעטווידן וארט. און אויב איך פריי מיך יעצט מיטן בעל יובל איז עס דער אפשיין פון דער שמחה פון דעמולט, בשעתן לייענען זיין בוך.

האבן מיר דאך זוכה געווען צו האבן א פרישן כוח, ווירער זיך צוקאנגען אריינצודרייען און ארוים מיט נייקייט אין אונזער ליטעראטור, נישט רק כסדר מעלה־נירה׳ן אונזערע קלאסיקער מיט דעם פאסנע אריינגעבראכטן ביסל

שעצקע פונם איידאָפעאישן נאַטוראַליזם — האָב איך מיר געטראַכט דעמלט לייענענדיק דאָס „יאָש״־בוך, מיט אַ שמאַטשקענדיקע סלינע אויף די ליפּן.

און נאָך עפּעס האָב איך געטראַכט דעמלט: אונזער יידישער ישוב אין אַמעריקע איז אַ נייער יידישער ישוב און אַן איינגעזעסענער! אַזוי קונדסים־דיק־קינסטלעריש באַזעמן צו זיין אין זיך און אַזוי יידישלעך פון זיך אַרויס־צוקוקן מיט אַזעלכע זעעוודיקע „אויגאַנעם״ צו דער וועלט און איבער דער וועלט, און איבער אַלע יאָש־עולמות, איז ניו־יאָרק טאַקע שוין אַ יידישע שטאָט — אַ מזרח־שטאָט אין אַ שול!

אויך איבער די נייַ־מאָדישע צעבליצטע לידער, אַנגעצונדענע הענגלאָמפּן־פּוילישע שולן און מיט שלוש־סעודות־אויגן פון ווינענדיקע חסידים,—האָב איך ערשט באַקומען אַ באַגריף אין שטאַרקמאַנס אַנטאָלאָגיע. און וועלכע יעקב גלאַטשטיין׳ס לידער הייבן זיך אַרויס מיט זייער איינפאַכקייט און גלאַנצן אַרויס מיט פשוטה־אָריגינעלקייט. אפשר איז ער דער איינציקסטער. וועלכער האָט אין אונזער פּאַטאָלעגער צייט דעם כוח צו זיין נישט סענטימענטאַל....

יאָ, מיר יונגע האָבן זוכה געווען צו האָבן אין אונזער ליטעראַטור אַ בן חמשים — אַ באַרייטנדיקן נייעם יידישן שרייבער! און האָב גראָד פאַרגעסן, וואָס דער פרק זאָגט, אַז מען איז, אַז מען ווערט אַלט פופציק יאָר אָבער איך געדענק נאָך זייער גוט ווי מיין באָבע פלעגט ווינטשן, ווי מיין מאַמע פלעגט ווינטשן: ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

ש.


„די צייט״

געגרינדעט אין 1913 פון

מאַררים מייער

די איינציגע טעגליכע

אידישע צייטונג אין

אייראָפּא.

אילוסטרירטער

טעאַטער שפּיגל

חודש־זשורנאַל. אַרויסגעגעבן פון „פאָלקס־הויז״ (בית־עם) און פון נייַ־אידיש־טעאַטער אין לאָנדאָן. אין יעדן נומער דערשיינען אַקטועלע אַרטיקלען און ידיעות. וואָס זענען נוגע דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און אַנדערע לענדער.

פּרייז פון 1 נומער: 1 שילינג

אַדרעס:—

"THEATRE MIRROR"

Adler Street, London, E.1

England.

Telephone : — BIS 1320.




## וו. פּאַראַלסקי



# י. נ. שטיינבערגס בוך „געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע״

דער בוך וועלכער איז פול מיט מענטשלעכן אינטערעס פון אַ הויכן מאַסשטאַב, מיט קורצע ביאָגראַפיעס פון גאַנצע קערפּערשאַפטן און פּער־שיידענע פּערזאָנען פון יידן און קריסטן, אַרבעטער און לאָרדן, געשריבן אין אַ וואַרעמער, ווייכער שפּראַך, וועלכעס לעזט זיך אַליין און האַלט די אויפ־מערקזאַמקייט ביז די ענדע. — איז צו מיר געווען אַ טרייסט, שוין לאַנג ווי איך האָב געלעזן אַזאַ בוך אָנגעפילט מיט מענטשלעכער ווירדע, גרויס אין גייסט און פּראַקטיק אין סטיל.

ד״ר שטיינבערג פאַנגט אָן ווידמענדיק דעם בוך:

צו מיינע ליבע און טייערע,
אין לאָנדאָן, טאָראָנטאָ און קאָווענע,
וואָס האָבן זעליג דערמערגלעכט
מיין זיין אין אויסטראַליע.

שוין אין די ווערטער דריקט דער מחבר אויס זיין ערלעכקייט און איבער־געגעבנהייט צום פאָלק, צו אַלעמען און אַלע לענדער, און ניט צו פּערזענ־לעכקייטן נור צום גייסט, וועלכעס האָט דערמעגלעכט זיין „זיין״ אין אויס־טראַליע.

דער באַגייסטערטער זוכער פון אַ „היים״ פאַר אונזערע אָרימע ברידער און שוועסטער, דערציילט אונז זיין שליחות און אויפגאַבע אין אויסטראַליע. פון די מענטשן מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן און פון זיין באַליבטע „קימבערלאַנד״ פון וועלכע ער האָט אַזוי פיל געחלומט. אין זיין פאָרוואָרט „צו די לעזער״ צייגט דער מחבר זיין שטאַרקן גלויבן אין דער מענטשלעכער צוקונפט און אין דעם אייביקן קיום פון אונזער פאָלק. ער זאָגט (זייט 7):

„בעת די יידישע וועלט איז געשטאַנען אין פלאַמען, בעת דאָס יידישע הויז אין גאַנץ אייראָפּע האָט זיך אַלץ מער פאַרוואַנדלט אין איין הורב־אויסיקן חורבן, האָב איך זוכה געווען צו ווערן אַ שליח, אַ מרגל, כדי צו זוכן פאַר אונזערע היימלאָזע מאַסן אַן אָרט־מקלט און אַ נייעם לאַנד״.

און שילדערונג מיט באַגייסטערונג די גרויסע שטחים און באַהאַלטענעם רייכטום פון די קימבערלייס, און די יאָרן־לאַנג פאָרשונגען פון אונזערע פאָרשער זאָגט ער (זייט 20):

„דער בעסטער אופן צו דערקענען דעם אמת פאַר אונז יידן, איז צו גיין אַליין, צו שיקן יידישע מרגלים, צו באַטראַכטן דאָס לאַנד מיט יידישע אויגן״.

שטיינבערגס בוך קאָן מען באַקומען ביים ערן־סעקרעטאַר פון „פריילאַנד־ליגע״ אין ענגלאַנד וו. פּאַראַלסקי, 106, דאַרטמונד רויד, נ.וו.2. פּרייז—15 שילינג

אזא שליח מוז זיין א ייד אין הארץ און גייסט. און די קוואליפיקאציע האט זיכער, אן צווייפל דער מחבר ד"ר י. נ. שטיינבערג. און דאך, לעזנדיק דעם בוך קען מען בולט ארויסזעען זיין צוריקהאלטן זיך. ער זוכט זיך אליין פעסטצושטעלן, צו מאכט ער נישט חלילה א טעות. ער וויל זיין אביעקטיוו און ער זאגט (זייט 28):

„איך בין געשטאנען פארטראכט און געמאכט אונזער חשבון. אזוי וואקסט אינמיטן דעם ווינטער; וואס קען אלזא דאס לאנד ארויסגעבן אין די בליענדיקע זומער חדשים? און אויב עס וואקסט אזוי פיין אויף דעם פלאץ קען עס דאך וואקסן נאך בעסער, נאך קליגער, נאך פארשיידנארטיקער אין אנדערע געביטן פון קימבערלא. זאלן נאר צו אט דער שלאפענדיקער ערד צורירן זי די הענט פון וויסנשאפט און דערפארונג, פון ווילן און עקשנות, די הענט פון יידישן הארעפאשניק!

לעזנדיק די קאלירפולע באשרייבונג פון גרויסע פערזענלעכקייטן, מענער און פרויען מיט וועמען דער מחבר האט זיך געטראפן, גיט ער אונז א בילד פון זייערע גרויסע טאטן, פון זייער סאציאלן שטאנד און זייער פאראנטווארטלעכקייט צו זייער פאלק, צו זייער רעגירונג. ער גיט אונז א בליק אין זייערע היימען, זייער איינפאכקייט, זייערע טיפע געפילן און סימפאטיעס צו מענטשלעכע ליידן, דייגע הומאניטערע סימפאטיעס, זייער ליבע צום לאנד און זייער גרייטקייט צו מקריב זיין זיך פאר דעם נוצן פון אנדערע.

קענענדיק דעם מחבר פערזענלעך, האב איך זיך ניט געקענט באפרייען פון דער ווייזע, ווי ער אליין שטייט העכער פון די אלע פערזענלעכקייטן, וועלכע ער האט אזוי באגאבטפול געשילדערט; און איך האב אין אים געזען די פערקערפערונג פון די אלע נאבעלע כאראקטערן, איך האב געפילט, אז דורך זיין גרויסקייט ווי אויך דורך זיין איינפאכקייט און ווארעמקייט, האט ער ארינגעאטעמט דעם הומאניטארן געפיל, און אזוי ארום באוועגט די מענטשן צו אנטפלעקן זייערע אינערלעכע נאבעלע נשמות.

ער ענדיקט דעם בוך מיט א קאפיטל איבער א קריסטלעכן פריינט מר. קריטשלו פארקער. די גאנצע פאמיליע פארקער האבן גענומען א גרויסן אינטערעס אין דער פריילאנד־לינע, און באזונדערס דער יונגער קריטשלו פארקער.

ס'איז אוממעגלעך זיך פארצושטעלן דעם ענטוזיאזם, ענערגיע און ארבעט, וואס די קריסטלעכע פאמיליע האט ארויסגעצייגט כדי צו העלפן אונזערע היימלאזע ברידער און שוועסטער. זייער גרויסע פרייד אין דער האפענונג אז אונזערע יידישע וואנדערער וועלן געפינען אין שאפן א היים אין טאסמאניע, וואו זיי וועלן האבן רו און שלום.

אבער דאס לעצטע קאפיטל איז זייער א טרויעריקס. דער יונגער קריטשלו פארקער האט געגעבן זיין לעבן פאר דער אויספארשונג פון דער געגנט. אליין האט ער צוגעגרייט אלע פלענער, און אליין האט ער זיך געלאזט אין וועג צו קומען צום „פארט דאווא". ער האט זיך אבער פארלוירן אין די בושוועלדער, און האט ניט געקענט אנהאלטן די קאמוניקאציע מיט זיין באזע.



דערצו האט ער ניט גענומען געניג שפייז און אפילו זיינע שוועבעלעך זיינען דורך רעגן־שטורעמס נאס געווארן אז ער האט אפילו קיין וואסער ניט געקענט אנווארעמען. און ווען ער האט ענדלעך דערגרייכט דעם פארט־דאווי, האט ער שוין געוואוסט אז זיין ענדע מוז קומען

אין איינעם פון זיינע לעצטע בריוו, וועלכע מען האט געפונען מיט זיין קערפער שרייבט ער (קריטשלו פארקער):

„צו שטארבן אין דינסט פון אזא נאבעלער אויפגאבע איז פאר מיר א גרויסע בעפרידיקונג. און אויב — ווי איך האף — דער ישוב וועט ברענגען גליק צו א סך פליטים און גלייכצייטיק זיין נוצלעך דעם לאנד פון טאסמאניע, וועל איך שטארבן א גליקלעכער."

און אויפריכטיק מיט טיפע געפילן פארענדיקט ד"ר שטיינבערג זיין בוך מיט די ווערטער:

„דערמיט האט קריטשלו פארקערס נאמען צונויפגעבונדן זיך אויף שטענדיק מיטן יידישן פאלק. צו קענען מיר יידן, אפזאגן זיך פון טאסמאניע און אויסטראליע ווען זייערער א זון האט זיך פרייוויליק פארבונדן מיט אונז אויף לעבן און טויט?

## אליהו פאלושאק

## ניין, נישט פעגאזוס....

(אן ענטפער אויף אן ענטפער)

איך בין מודה, אז איך שרייב דעם דאזיקן ענטפער נישט גערן, אבער ע. ה. יוראוויטש צווינגט מיך דערצו. איך וועל ענטפערן קורץ און שארף.

משה עובר האט געשריבן א ביכל „אין זכות פון די טעג". דאס איז זיין הייליק רעכט. מיר געפעלט דאס דאזיקע ביכל נישט. און איך האב דעריבער געשריבן א זער קורצע רעצענזיע. דאס איז ווידער מיין רעכט. ע. ה. יוראוויטשן געפעלט אבער נישט מיין מיינונג און גלייבט, אז ער אדער זי אדער זיי מוזן קעגן דעם שרייבן און ראטעווען משה עובר'ס כבוד. דאס איז ווידער ע. ה. יוראוויטש'ס רעכט. אבער נאר מיטן באדינג: ווען ער אדער זי איז א מיטארבעטער פון „לשון און לעבן". נישט זייענדיק קיין מיטארבעטער פון „לשון און לעבן" האט דער קריטיק־ענטפערער נאר א רעכט פון א קורצער צושריפט (איך האב געזאגט: פון א קורצער צושריפט), אויף איינער פון די לעצטע זייטן פון דער אויסגאבע, אדער צו מיידן א פאלעמיק אין אן אנדערער צייטשריפט, מיינעטוועגן אין „דעם שענסטן און בעסטן זשורנאל פון גאנץ אייראפע". מהודו ועד כוש.

ע. ה. יוראוויטש האט משה עובר געטון מיט זיין ענטפער א שלעכטן דינסט, ווייל ער איז געווארן אריינגעצויגן אין א פאלעמיק. און מען שושקעט

זיך שוין דאָ און דאָרט און מען פרעגט און ענטפערט: „וואָס זאָגט איר עפּעס צו דעם ביכל? צו דער מיינונג און צו דער קעגנמיינונג?" און איך ווייס קלאָר און בולט, אַז דער ענטפער פון ע. ד. יוראַוויטש, האָט אַרויסגערופן אַ נאַטירלעכן ווידערווילן און אַ געוויסן פּראָטעסט פון אַלע די נאַטירלעכע און פּשוטע פאָלקס־מענטשן און אינטעלעקטואַלן, וואָס זענען יידיש־נאַציאָנאַל און יידיש־סאָציאַל, האָבן ליב יידנטום און יידישקייט אָן שום חכמות און האָבן גראַד היינט אַ אָפּניינונג קעגן יעדע קאָקעטירונג מיט קריסטנטום, אורקריסטענטום, פאַלשע משיח געדאַנקען און פּסעודאָ־מיסטיציזם.

און ווען אַ בוך מיט די אויבן־דערמאָנטע טענדענצן דערשיינט, אפילו ווען עס איז געשריבן אין אַ קינסטלערישער פאָרם, קען עס ווערן אָפּגעוואָרפן פון וועמען עס איז. דערמיט איז נאָך נישט באַרעכטיקט די מיינונג, אַז דער מחבר פון אַזאַ ביכל איז אַ בעגאַזום און די לייענער, וואָס זענען נישט מסכים, זענען פּשוטע אַרבעטס־פערד. אַ פערד איז אַן אינטעליגענטע חיה, וואָס אַרבעט מיט סיסטעם און מעטאָד. גאַנץ אַנדערש איז דער אייזל. נאָר דאָס איז נישט מיין טעמע...

איך וואָלט געוואָלט פרעגן ע. ד. יוראַוויטש, וואָס באַצייכנט אויך זיך אַליין אַלס „מיר מיסטיקער": וואָס באַדייט דער דאָזיקער זאַץ אויף זייט 9: „איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנט צו נעמען די צירונג, און אונזערע פינגער האָבן זיך אָנגערירט. די ערד האָט געציטערט, דער ים האָט געברויזט".
— הייסט עס אַ נייער קריעת ים סוף?...

אָדער זענען מיר פּשוטע פערד און פאַרשוועבער פון דער „הייליקער" מיסטיק, ווען מיר ווילן נישט האָבן אַ מיסברויך פון דעם שם המפורש דאָרט, וואו ער געהערט נישט אַהין, צו מינדעסטנס נישט אויף זייט 6. און מיר ווילן אויך נישט האָבן אַ באַנייאונג פון דעם „דריי־איינקייטס־קאָמפּלעקס", וואָס האָט אַזויפיל פאַרווילדערונג און גייסטיקע פערפּלאָנטערונג אַריינגעבראַכט אינם יידישן לעבן נאָך די יאָרן ת"ח און דער צייט פון שבתי צבי און פראַנק.

און ס'איז יידישער קאַטאָליציזם", ווען מען פירט אַן פּסעודאָ־מיסטישע שמועסן פון בביכול מיט דער שכינה. פעלט נאָך צו, אַז דער הייליקער גייסט אין געשטאַלט פון אַ טויב שוועבט איבער אונזערע קעפּ, און דער טריניטעטס־קאָמפּלעקס פון אומזעליקן אָנדענקן פון אַמאָל איז ווידער דאָ.

אָדער אפשר נאָר ע. ד. יוראַוויטש, איז אָט דאָס פילאָזאָפיע, וואָס אַזאַ מישאַ־פערד, ווי איך, פאַרשטייט נישט? און אייער ענטפער ברענגט איר נישט אַרויס אין וואָס עס באַשטייט משה עובד'ס פילאָזאָפיע. איר פילט זיך געקרענקט און נעמט זיך אָן די קריוודע פון מיינעם אַ פריינט. וועלכן איך האָב באַצייכנט אַז ער איז נישט „קיין מיסטיקער און נישט קיין פילאָזאָף", נאָר אַ באַצוואונגענער און באַהערשטער פון דער מעטאַפיזיק, יענער כשוף־מאַכערין, וואָס הערשט און רעגירט אויף יענער זייט פונם מענטשלעכן שכל." מערקט אייך, קעגן־קריטיקער, איך האָב נישט געזאָגט: כשוף־מאַכער. יעדער וועט אַרויסגעפינען אַז די דרוק־מאַשין האָט געמאַכט אַ פעלער.



ע. ד. יוראַוויטש וואַרפט מיט גרויסע ווערטער, ווי אַ זשאָנגלער מיט קאָלירטע באַלעכים. לויט דעם אָפּשניט „... עס ווערט נאָך געזאָגט, אַז משה עובד איז נישט קיין פילאָזאָף און נישט קיין מיסטיקער — איז עס בכלל אַ קאָנטראַדיקציע און אַדיעקטאָ." אַזוי נאָר! עס איז אַ קאָנטראַדיקציע! וואו איז זי? אַנשטאָט אַן אויפקלערונג איבער דער דאָזיקער קאָנטראַדיקציע פאַלגן זאַצן איבער לעבנס־פילאָזאָפיע און איבער אַ נאַטורגעזעץ פון קעגנזייטיקער אויסשטראַלונג, אַז „אַ פיזיקער פון איינשטיינס פאַרנעם וואָלט געמעגט זיך דערמיט באַשעפטיקן."

ע. ד. יוראַוויטש! זייט איבער 30 יאָר באַשעפטיק איך מיך אַלס לייענער מיט פאַרשיידענע ליטעראַטורן, און איך האַלט, אַז איך פאַרשטיי אַביסל אין דעם דאָזיקן ענין. ווער עס גייט צו צו אַ ווערק פון אַ מחבר, מוז זיין פריי און אומאָפּהענגיק אי צום מחבר און אי צו זיין ווערק. ווער עס איז נישט פריי איז באַפאַנגען. און ווייל איר זענט נישט פריי און באַפאַנגען, דעריבער מישט איר אויס קרופּע מיט קאַשע און פאַרוויקלט נאָך דערצו דעם גרויסן איינשטיין אויך. פילאָזאָפיע איז פילאָזאָפיע און מיסטיק איז מיסטיק. אונזערע געדאַנקען און דענק־סיסטעמען זענען אַ טייל אָדער דער יסוד פון דער פילאָזאָפיע. אונזער יידישע מיסטיק — די קבלה האָט באַשטימט נישט קיין שייכות צו פילאָזאָפיע. די קבלה איז דער לעבעדיקער קאָנטראַסט פון דער פילאָזאָפיע*. און ווען אַ דיכטער שאַפט מיסטישע טעמען אָדער רעפּראָדוצירט אַ מיטאָס, מאַגאָס, לעגענדעס אָדער נאָך ווייטער: ער דערפינדעט אָדער „פאַבריצירט" נאָר מיט שיינע קינסטלערישע ווערטער אַ פּסעודאָ־מיסטיש סיסטעם, אָדער בויט אויף אַ פאַנטאַסטיש געביידע פון אַן איינגענעם אידעאַל, וועלכעם ער וויל אָנהענגען אַנדערע אַלס אַ ניי אני מאמין, איז נאָך נישט געזאָגט, אַז ער איז אַ מיסטיקער. און ווען יאָ, — אַ פילאָזאָף איז ער נישט. ער איז אַן אַדראַציאָנאַליסט און דאָס איז חלילה נישט קיין באַליידיקונג.

די ציטאַטן פון „טיימס ליט. סופּל." מאַקס נאָרדוי און „לאָנדאָן פאָרום" זענען געבעך אַזוי אויסגעמישט, אַז איך האָב מיך נישט געקענט דערין אויסגעפינען. אַנדערע לעזער אויך נישט...

דאָס, וואָס איך האָב געמיינט, אַז משה עובד שטעלט זיך אינם מיטלפּונקט פון געשעעניש, האָב איך נישט געזאָגט, אַז ער איז דערצו נישט באַרעכטיקט. געמיינט האָב איך משה עובד'ס גלייבן, אַז ער איז באַרופן צו היילן און אפשר נאָר צו דערלייזן אַ וועלט, אָדער גאָר די וועלט. דעריבער איז געווען באַרעכטיקט מיין פריינטלעכע וואָרנונג: „טראַל, זיי דיר זעלבסט גענוג!" משה עובד ווייס אַליין, אַז ער איז נישט בכח צו היילן אַ וועלט. הלוואי וואָלט ער עס געקענט, הלוואי וואָלטן מיר עס אַלע געקענט!

ע. ד. יוראַוויטש שרייבט אַ גרויסן אַנזין, אַז „אונזערע כתבי הקודש האָבן זיך נישט געשעמט אָנצווייזן דעם רוימישן קאַטאָליציזם, דעם פּראָטעסט־

* פּראָפ. קאַרל בורקהאַרדט ציריך, „וועלט געשיכטלעכע באַטראַכטונגען"

טאַנטיזם. דעם איסלאַם.״ און דער זאַץ, וואָס פאָלגט ווייטער, איז נאָך מער שטות, ווייל עס האָט גאָר קיין שייכות נישט מיט דעם, וואָס איך האָב געשריבן אין מיין אַרטיקל „איבער די הייליקייט פון די וואָכעדיקע טעג.״ מיר זענען נישט שולדיק, ווען אויס דעם יידנטום אַרויס זענען ענטשטאַנען וועלט־רעליגיעס, וועלכע האָבן דעראָבערט די וועלט. דערלייזט האָבן זיי די וועלט נישט. דאָס מוזן דאָך אויך די דאָזיקע צוגעבן, וועלכע קאָקעטירן אַזוי גערן מיט דער אורקריסטלעכע לערע. דער קריסטלעכער גלייבן האָט געצויגן זיין יניקה פון יידנטום. איין צווייג פון קריסטנטום האָט געבוירן די שפּאַנישע אינקוויזיציע און דעם מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם אין עסטרייך, אונגאַרן און פּוילן פון פריער. און דער אַנדערער צווייג, דער לוטעראַניזם איז דער גייסטיקער פאָטער פון פּרוסיאַניזם און זיידע פון דער ראַסיסטישער טעאָריע פון אַדאָלף שטעקער, בעראַ; פאָן לועגער און היטלער ימח שמם! נישטאָ אויף וואָס שטאָלץ צו זיין און מיט וואָס צו קאָקעטירן...

איך בין נישט קיין מיסטיקער, דיכטער. פינסטלער, נישט קיין פּעגאַזוס מיט פליגל. נאָר אַן אַרבעטס־פערד, וואָס האָט ליב שיינע ליטעראַטור און לאָזט זיך נישט אָנהענגען פון יעדן אַ לונג־און לעבער אויף דער נאָז.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פ.ס. — אין דעם ענטפער צו מיין רעצענזיע ווערט מיטגעטיילט, אַז בקרוב וועט „אין זכות פון די טעג״ זיין איבערזעצט אין דער דייטשער שפּראַך — צו וואָס און פאַר וועמען? פאַר דער היטלער יוגנט? איך האָף, אַז משה עובד וועט זיין טאַקטפול גענוג נישט צוצולאָזן די דאָזיקע איבערזעצונג. זאָל זיך דער איבערזעצער דערווייל זוכן אַן אַנדערע פּרנסה.

**אברהם בוימערדער**

## משה עובד אין בריסל

נאָך מיט אַפּאָר טעג צוריק האָבן מיר געוואוסט, אַז אונזער משה עובד קומט קיין בעלגיע, און ס׳האָט טאַקע אויסגעזען ערב יום־טובדיק. און אַט שטייען מיר ביים צוג, חבר פּרובּט און די צוויי האַרציקע שוועסטער דיכטערינס, חוה און הענע. און איך אַבּרהם׳לע. פּונקט פאַרשפּעטיקט זיך דער צוג. עפּעס שאַפט זיך דער איינדרוק אַז משה עובד דאַרף פאַרענדיקן אַ נייע פּאָעמע, האָט ער אודאי געבעטן דער צוג זאָל אָנקומען ווען ער וועט זיין פאַרטיק מיט דער נייער שאַפונג. חוה און הענע האָבן זיך שוין גאָר נישט דערוואַרט און קוקן אין דער ווייטקייט, ווי דער גרויסער לאָקאָמאָטיוו מיט די לעמפּ און רויך וואָס זעצט פון קוימען זאָל זיך שוין באַווייזן.

איך האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז אָט וועלן די צוויי שוועסטער, חוה און הענע ראָזענפאַרב וועלן זיך באַלד אַרומכאַפּן מיט זייער נייעם פּאָטער און אויסקושן יעדעס אבר.

דער צוג איז דאָ שרייען אַלע אויס! מען זוכט דעם גאַסט, אַלע זוכן,



עפּעס זע איך ווי אַ יידעלע פון די דרייסיק יידעלעך רייסט זיך אַ דורך דורך מענטשן מיט אַ וואַליזקעלע און זוכט זיינע גאַנטע. „שלום עליכם, ר׳ משה עובד! אוי... איר זענט דאָ!

איך שטעל פאָר חוה׳ן און הענען, אַדער בעסער געזאָגט, צוויי קינדערלעך, ווייל אַזוי ליב זיך צו באַגעגענען ווי אונזער האַרציקער משה עובד מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט. ווי צוגענומען ער האָט זיי צו זיך, אפשר נאָך מער ווי אייגענע קינדער... דאָס קאָן נאָר אַ דיכטער, אַן ערלעכער מיט אַ ריינע נשמה ווי משה עובד.

אַראַנק אשר פּרובּט איז געוואָרן צוגעגרייט זער אַ וואַרעמע אייפּנאַמע זונטיק דעם דריטן נאָוועמבער פיר אַ זייגער נאָך מיטאָג איינגעאָרדנט דורך די יידישע סאָלידאַריטעט פאַר דעם טייערן גאַסט און דיכטער משה עובד. טיף גערירט איז אונזער גאַסט ווען מען שטעלט איבּ פאַר דאָס פּרעכטיקע הויז פון די סאָלידאַריטעט וואָס איז מיט אפשר מאָנאַטן צוריק געקויפט געוואָרן פאַר דעם געלט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון בריסל. מיט גרויס ליבּשאַפט באַטראַכט אונזער גאַסט דעם לאָקאַל ווי עס געפינט זיך די יידישע צוגאָב שולן וואו עס לערנען זיך איבער הונדערט קינדערלעך און דער יידישער שפּראַך. אַט פירט אונז חבר מאַניעק און חבר קאַדעט, פאַראַנטוואָרטלעכער פון ביבליאָטעק. מיט גרויס באַגייסטערונג באַטראַכט פריינט משה עובד דעם שיינעם לאָקאַל וואו ס׳געפינט זיך איבער טויזנט יידישע ביכער פון די בעסטע יידישע שרייבער. מיט אַראָבגעלאָזטן קאָפּ זאָגט משה עובד — הלוואי וואָלטן מיר געהאַט אין לאָנדאָן אַזאַ הויז...

ביי אַ שיין סערווירטן טיש מיט פאַרשיידענע געטראַנקען און צו פאַרבייסן, זענען זיך צוזאַמענגעקומען איבער הונדערט און פופציק פּראָגרעסיווע פריינט צו הערן דעם ליבן גאַסט משה עובד. די שטימונג איז גאָר אַ געהויבענע און אַלע ווילן שוין הערן דעם דיכטער פון לאָנדאָן.

חבר קאַדעט באַגריסט דעם דיכטער אין נאָמען פון די „סאָלידאַריטעט״. און ער גיט אַ קורצן איבערבליק פון די גרויסע שוועריקייטן, פון די סאָלידאַריטעט אויף יעדן געביט, אָבער דאָך זענען זיי געקומען צו דעם וואָס זיי האָבן געשטרעבט.

דאָס וואָרט באַקומט אשר פּרובּט. מיט אַ גאַנץ טיפן איבערבליק ווייזט אָן חבר פּרובּט די גאָר גרויסע פאַרדינסטן פון דיכטער. אומעטום רופט אויס פּרובּט, וואו ס׳איז נאָר געווען נויטיק צו שאַפן פאַר דעם פּראָגרעסיוון לעבן סיי הילף פאַר דער רויטער אַרמיי, סיי מאָראַלישע, סיי קולטורעלע — שטענדיק האָט מען געזען אין דער שפּיץ משה עובדן. ער זאָגט אויך אַז משה עובד געהערט אַלעמען. ער דערמאָנט אויך אַז צו אונזער קולטור־קלוב אין לאָנדאָן האָט משה עובד פיל בייגעטראָגן. צום סוף רופט אויס חבר פּרובּט צו משה עובדן, ער זאָל זיך פאַרפליכטן און אויך קומען צו די יידישע פּראָגרעסיווע יידן אין לאָנדאָן און זיי איבערגעבן, אַז ס׳איז זייער נויטיק צו העלפן די יידישע סאָלידאַריטעט און ספּעציעל די קינדער־קאָלאָניעס פאַר וועלכע די אָרגאַני־

זאציע איז איבערגעגעבן מיט ליבּ און לעבן פאר די יידישע קינדער [illegible] אין בריסל.

מיט גרויס באגייסטערונג איז געוואָרן אויפגענומען די רעדע פון חבר פרובּט און ער איז געוואָרן שטארק אפּלאָדירט. אלע אנוועזנדע טרינקן א גלעזל וויין און מען זינגט און מען איז מקבל פנים דעם ליבן גאסט.

דאס וואָרט באקומט משה עובד. אייגנטלעך, הויבּט אָן דער דיכטער בין איך נישט געקומען קיין בריסל האלטן רעדעס. נאָר אזוי ווי איך בין שוין דא וועל איך שוין רעדן. איך בין געקומען זען גאָר א גרויסע דיכטערין פון יידישן פאלק, אָט זיצט זי דא, ווייזט אָן משה עובד, דאס איז חוה'טשע. שטארק בין איך געוואָרן גערירט ווען איך האב געלייענט די גאָר גוטע פּאעמע און אויב די דיכטערין וויל זיך נישט פאר אונז אנטפּלעקן מוזן מיר צו איר קומען. איך די שוועסטער הענעלע איז א גאָר גרויסע דיכטערין רופט אויס משה עובד. אלע אנוועזנדע האבן זיי זער שטארק אפּלאָדירט.

משה עובד גייט איבער צו זיין טעמע, און רעדט וועגן דער באדייטונג פון אות „אלף־בית". ווי ער ווייזט אָן איז פאראנען אין יעדן אות א יידעלע. משה עובד רעדט אויך וועגן די גרויסע באדייטונג פון די יידישע שפּראך און די אנגעוויטיקטע ווערטער וואס מען געפינט אין איר, ווי דאס וואָרט „אוי"... ער רופט צו די טאטעס און מאמעס לערנט אייערע קינדער יידיש און די עלטערן אליין זאלן אויך רעדן און לערנען יידיש. פריינט עובד לייענט זיין פּאעמע „יידיש" און אויך „די יידעלעך פון אלף־בית". ער ווערט שטארק אפּלאָדירט.

דער דיכטער ווידמעט א פּאָר ווערטער די סאָלידאַריטעט און איז שטארק אינספּירירט פון די הייליקע ארבעט וואס די פּראָגרעסיווע ארגאניזאציע האט באוויזן צו שאפן. משה עובד פארענדיגט מיט די ווערטער: מען מוז ווייטער אנגיין מיט די ארבעט און פלעכטן דעם פּארעם פון די גאלדענע קייט. מיט שטארקע אפּלאָדן האבן אלע אנוועזנדע באגריסט דעם דיכטער משה עובד.

עס פאלגט דאן זער ארייכער פּראָגראַם אויסגעפירט דורך די חברים פון דראַם־קרייז. עס ווערן געלייענט לידער פון איציק פעפער און נאָך פון פארשיידענע שרייבער. עס ווערט געזונגען ווילנער געטאָ לידער פון חברה'טעס וואס זענען געווען אין ווילנער געטאָ.

אין א שיינער רעציטאציע האט זיך אויסגעצייכנט ניסא נאָלד. ווען זי האט רעציטירט אויפּסניי פון איציק פעפער. אייניקע חברים באגריסן פריינט משה עובד. צום סוף נעמט א וואָרט חבר מאָניעק און בעט משה עובד. ער זאל רופן די יידן פון ענגלאנד כדי זיך צו פארבינדן מיט דעם יידישן ישוב אין בריסל, אזוי גוט ווי די יידן אין פראנקרייך און פון אמעריקע האבן זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט די סאָלידאַריטעט.

פריינט עובד זאגט צו אז ער וועט זען מיט אלע מעגלעכקייטן צו העלפן. מיט שטארקע אפּלאָדן האט זיך פארענדיקט דער באנקעט.

בריסל, 9-11-46



## ייווא-טעטיקייט אין לאנדאָן

די טעטיקייט פון דער ייווא־אָפּטיילונג אין ענגלאנד, אנטוויקלט זיך אויף א פיינעם שטייגער און נעמט אָן ברייטערע פאָרמען. ביי הייַנט־צו־טאג האט שוין די אָפּטיילונג פול־באַרעכטיקטע מיטגלידער. עס איז פארקויפט געוואָרן ייווא־אויסגאבן פון אמעריקע, אומגעפער פאר 300 דאָלאַר. עס ווערט רעגלמעסיק אוועקגעשיקט מאטעריאלן, וועלכע האבן א שייכות צום ענגלישן יידנטום, כמעט וועכנטלעך. דער קאָמיטעט שטייט אין ענגן קאָנטאקט מיט דער פארוואלטונג פון דער ייווא אין אמעריקע. אויף א זיצונג פון דער רעדאקציע קאָמיטעט פאר ארויסגעבן דעם זאמל־בוך „יידן אין ענגלאנד", איז אויסגעארבעט געוואָרן א פולשטענדיק פּראָגראַם פון דער אויסגאבע און בריוו ווערן יעצט ארויסגעשיקט צו די קומענדיקע מיטארבעטער פאר דעם זאמלבוך.

## פּראָטעסט פון שרייבער!

מיר, דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט, פאררופן דעם 26־טן נאוועמבער, 1946, אין הויז פון הרב יהושע שפּעטמאן, לאָנדאָן, האט באשלאָסן צו פּראָטעסטירן און פאראורטיילן יענע יידישע כלל־טוער, וואס פאָדערן אויף צו העלפן די דייטשן, וואס האבן אומגעבראכט מיליאָנען יידן!

זאלן זיי, די כלל־טוער, בעסער פארווענדן זייערע מיטלען און כוחות אויף ארויסצוראטעווען די יידן פון די „קעמפּס" אין בלוטיקן דייטשלאנד!

הרב יהושע שפּעטמאן, שלמה אוערבאך, ש. י. ארענדאריף (דאָרפזאָן), א. י. ארזשיצער, דוב ווארשאווסקי, דוד ווידענפעלד, י. א. ליסקי, יוסף הלל לעווי, בן־א. סובאטשעווסקי, י. ריכטינגער, א. נ. שטענצל.

## א רעדאקציע נאָטיץ

צוליב מאנגל אין פּלאַץ, האבן מיר געמוזט אוועקשטעלן דעם שוין אויסגעזעצטן זאַץ פון אייניקע נאָטיצן און ארטיקלען און אויך די ידיעות מארבע כנפות הארץ. — אַלעס אין קומענדיקן נומער.

## קולטור ידיעות פון דא

* *

למך השני פון בן־א. סאבאטשעווסקי איז שוין דערשינען. דאס בוך איז שיין ארויסגעגעבן מיט צוויי רעפּראָדוקציעס פונם קינסטלער מאַרים סאבאטשעווסקי

* *

ס. פאלמע'ס בוך „רינגען און קייטן" וואס וועט בקרוב דערשיינען, איז איל־לוסטרירט געוואָרן פון מחבר.

* *

עס איז ארוין אין דרוק א באנד לידער פון דער יינגער דיכטערין חוה רויזענפאַרב, א געראַטעוועטע פון די נאַצי־לאַגערן, זי וואוינט יעצט אין בעלגיע.

* *

די שרייבערין פיימי ברוין גרייט צו צום דרוק א בוך פעליטאָנען און דער ציילונגען

דער „מארגען - זשורנאל“
פון ניו־יארק איז די פירענדע
יידישע מאָרגן־צייטונג אין
אמעריקע.
דער „מארגען - זשורנאל“
איז די איינציקע יידישע צייטונג
אין דער וועלט, וואס האלט אויס
אין לאָנדאָן א ספּעציעלן ביורא,
כדי טעלעגראפיש צו אינפאָר־
מירן טאָג־טעגלעך זיינע הונדער־
טער טויזנטער לעזער וועגן אל־
געמיינע און יידישע געשעענישן
אין אייראָפּע.
די „מארגען - זשורנאל“
לעזער אין לאָנדאָן און אין ענג־
לאנד קאָנען באשטעלן די צײַ־
טונג, ווען זיי שיקן צו פאראויס
א טשעק אדער פּאָסטל־ארדער
אויף £4.10.0 פאר א יאר, אדער
£2.7.6 פאר זעקס חדשים.
שרייבט דייטלעך אייער נאמען
און אדרעס (אין בלאק־שריפט)
און שיקט אייער באשטעלונג
אויפן אדרעס:

*JEWISH MORNING JOURNAL*, Europeon Buraus, 66, Woodland, Golders Green, London, N.W.11.
*Telephone* SPEedwell 7935

P. & P. METALWARE AND ENGINEERING CO.
1, (rear) EVELYN STREET, DEPTFORD, S.E.8.
Tel.: BERmondsey 1681.

ספּעציאַליסטן פון לייכטע קאָנסטרוק־
ציאָנס־ארבעטן, אויטאָגניש שווייסן,
מאשינען פאררירכטונגען און עלעקטר.
אינסטאלאציעס.
ווערקס־מענעדזשער: — א. פּאלישאק

דער
פּלאַץ
איז
רעזערווירט
פאר
י. ביעטש


## וויכטיק פאר די לייענער פון „לשון און לעבן“

פון היינטיקן חודש אָן, וועט דער זשורנאל „לשון און לעבן“ אָננעמען צו דרוקן יעדן מין גליקווּנטשן... 


יידישער טעאטער „גרענער פּאליי“, קאמערשל ראָוד, א.1.

מארק מארקאוו און עטא טאפּעל
טרעטן אויף מיט זייער קינסטלער טרופּע
טעגלעך יעדן אוונט — 7.30


LOSHN UN LEBN
1946
L.C.
870

סי...
לונג...
יידיש...
גאלע...

דע...
קען ד...
פון א...

פר...
יידיש...
פירן ...
פארן,
טן דעצעמבער.

* *

מארק מארקאוו פירט אויף אין גרענער־פּאליי, די באריִמטע דראמע פון יעקב גארדין „גאט מענטש און טייוול“.

* *

אין עספּלאנאדע האטעל איז געווען א קבלת פנים און גלעזל טיי איינגע־ארדנט פון ליטעראטן פאראיין לכבוד דעם העברעאישן שרייבער דר. אשר בבלי און יאסעלע ראזענזאפט. פון די רעדעס פון די געסט און די באגריסונגען פון חברים איז געווארן א צעהיצטע דיסקוסיע מכוח יידיש און העברעאיש.

* *

דעם 3־טן דעצעמבער וועט זיין א דיסקוסיע „די צוקונפט פון יידיש“. משה

...ד, דער פרעזידענט פון „פריינט פון ...יש לשון“ וועט האבן דאס ארייַנפיר...רט.

* *

...ר. איזראעל פעלדמאן איז אויסגע...לט געווארן אלס וויצע פרעזידענט „פריינט פון יידיש לשון“.

* *

...יים גלעזל טיי פון „פריינט פון ...ש לשון“ האט משה עובד אפּגע...ן א באריכט איבער זיין רייזע אין ...גיע.

* *

אין לאנדאן האט געוויילט מעקונים אויף זיין נסיעה פון א״י און קאנטינענט. ער איז אויפגעטראטן מיט רעפעראטן אין ארבעטער־רינג און אין יידישן קולטור־קלוב.

* *

הערי מייער, דער רעדאקטאר פון די „צייט“, איז אפּגעפארן, נאך באזל, צו דעם ציוניסטישן קאנגרעס, אין באזל.

* *

יוסף אייזענבערג, אונזער א מיטארבעטער פארט צום ציוניסטישן קאנגרעס קיין באזל, ווי אן אפיציעלער קארעספּאנדענט פון „לשון און לעבן“.

* *

דער זשורנאליסט י. טינער, וועלכער האט אדורכגעמאכט א שווערע אפּעראציע גייט אן כשורה.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאקס

(אין קינגס־האל, 83, קאמערשל ראוד, א. 1. — 3 פּינקטלעך)

שבת, דעם 7־טן דעצעמבער — 70 יאר יידיש־טעאטער
שבת, דעם 14־טן, וועט לי הערש האלטן א רעפעראט: „דער ציוניסטישער קאנגרעס און די יידישע סיטואציע יעצט.
שבת, ד׳ חנוכה — די טראדיציאנעלע חנוכה־פייערונג פון אונזערע קלאסיקער און שרייבער.
שבת, דעם 28־טן, די טראדיציאנעלע מוכר ספרים פייערונג צום 110־טן געבוירן טאג פון אונזער קלאסיקער.

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

**CAMEO CORNER**
**(Proprietor: Moshe Oved)**
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

**26 MUSEUM STREET,**
**LONDON, W.C.1.**
**MUSeum 0401.**



**ס. און ב. פלאסטיקס** לטד.
פאבריקאנטן און עקספארטערס
21, BERWICK STREET,
LONDON, W.1
*Telephone:* GERARD 7543


**זיינוול דיאמאנט**
**„אונטערן האקנקרייץ“**
א באנד נאוועלן 216 זייטן
דערשינען אין פארלאג א. ב. צעראטא.
פאריז. באשטעלונגען ביי:
E. Paluszak, 64, Lauriston Rd.,
Hackney, E.9.


**נ י י - י י ד י ש  ט ע א ט ע ר**
**פאלקס הויז** (בית עם לטד.) **אדלער סט., א.1**
דירעקטאריום: ו. קאסאף. ה. רייפעלזאן. מרס. שאפירא.
טשערמאן: מ. ביטלער. אנפירונג: א. מייזעלס. האָנ. סעק.: א. ביטלער.
**מאיר צעלניקער**
און די פאריזער שוישפילער
מ ר י ם  ק א ר א ל א ו ו א  און  ל ע א ן  ב ל ו מ ע נ ז א ן
צוזאמען מיט די שוישפילער לויטן א"ב:
פ ר ו י ע ן:— אנא בוים, שוועסטער טענטלער, קלארא מייזעלס, מעטא סענאל, אנא צעלניקער, איידא שערמאן, מיני שערמאן.
מ ע נ ע ר:— מארים אקסעלראד, מאקס בוים, פאול נאלדשטיין, הערמאן טונים, דוד סענאל, א. פוקס, יאזעף שערמאן א.א.
דעם גאנצן חודש דעצעמבער
י ו ב ל  פ י י ע ר ו נ ג  —  70  י א ר  י י ד י ש  ט ע א ט ע ר
מוזיק דירעקטאר: פהיל בערנשטיין. בינע מענעדזשער: זשאק טשעפל
**יעדן אוונט פארשטעלונג** (פרייטאג געשלאסן)
**שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג**
**אוונט 7.30**



*Printed and Published in England by the Naroď Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES